בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ

תשע"ז

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

---

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
HEICHAL HAKODESH WILLIAMSBURG
**27 Skillman Street**
**718-384-1652**

**היכל הקודש מאנסי**
HEICHAL HAKODESH MONSEY
**32 Dolson Rd.**
**347-733-7551**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Hayes Ct.**
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Premishlan Way**
**845-243-0563**

---

**בארץ ישראל:**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהסייתדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
**רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225**
**טלפון רב קווי 04-6708356**
**פקס: 04-6708359**

---

**Visit our new website: www.breslevcenter.com**
**לשמוע השיעורים 212-444-9191**

Find our entire book selection at:
**AMAZON.COM**
To donate and/or sponsor one of our books please call:
**845-248-1651**

בעזרת השם יתברך - יום א׳ פרשת נצבים וילך, י״ט אלול, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלנו אז מיר ווייסן פון הייליגן רבי׳ן, דער רבי לערנט מיט אונז דאס וואס משיח וועט לערנען מיט אונז, אזוי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן רסו): ״צווישן מיר און משיח איז נישט דא קיין חילוק, נאר איין חילוק איז דא, ביי משיח וועט מער נישט זיין קיין בחירה, און יעצט איז נאך דא די בחירה״.

משיח צדקינו וועט אריין ברענגען אזא ליכטיגקייט אין די וועלט אז יעדער איינער איינער וועט שפירן ווי דער אייבערשטער איז מיט אים, ביי אים און נעבן אים, און מען וועט רעדן צום אייבערשטן, יעדער איינער וואס ער דארף; אזוי ווי עס שטייט (צפניה ג, ט): ״כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה׳״, און יעדער וועט זען דעם אייבערשטן, אזוי עס שטייט (ישעיהו נב, ח): ״כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה׳ צִיּוֹן״.

דאס טוט שוין דער רבי מיט אונז יעצט; דער רבי ברענגט אריין און אונז אזא געטליכקייט און אזא ליכטיגקייט אז מיר שפירן ווי דער אייבערשטער איז מיט אונז ביי אונז און נעבן אונז, און אז מען שפירט ווי דער אייבערשטער איז מיט אונז ביי אונז און נעבן אונז, רעדן מיר שוין יעצט צום אייבערשטן. דערפאר זענען מענטשן זייער מזלזל אין הייליגן רבי׳ן, מען פארשטייט נישט וואס ברסלב איז, ווייל אן א צדיק איז מען נאך טיף אין גלות, מען שפירט נישט דעם אייבערשטן און מען זעט אים נישט.

ר׳ נתן זכרונו לברכה האט געזאגט, ווען א מענטש האט אמונה אינעם אייבערשטן, איז ער זוכה אז עס עפענען זיך אויף פאר אים אלע הימלען, אזוי ווי עס שטייט ביי יחזקאל הנביא (יחזקאל א, א) וואס ער האט זוכה געווען צו ״נִפְתְּחוּ הַשָּׁמַיִם, וָאֶרְאֶה מַרְאוֹת אֱלֹקִים״, און די ראשי תיבות פון נ׳פְתְּחוּ הַ׳שָּׁמַיִם וָ׳אֶרְאֶה מַ׳רְאוֹת אֱ׳לֹהִים איז ׳אמונה׳; אז ווען א מענטש איז זוכה צו האבן א ריינע אמונה, ער גלייבט אז אלעס איז דער אייבערשטער, און סיי וואס עס גייט אריבער אויף אים ווייסט ער אז אלעס איז דער אייבערשטער, איז ער זוכה צו אלע מדריגות.

דאס טוט דער רבי מיט אונז, ער נעמט אזעלכע קליינע מענטשן ווי מיר זענען, מענטשן וואס זענען נאך זייער ווייט פון אלע קדושות וכו׳, און ער מאכט אז מיר זאלן זיין צוגעקלעבט צום אייבערשטן אזוי ווי גרויסע צדיקים. דערפאר דארפן מיר זייער פרייליך זיין אז מיר האבן אזא רבי, און מיר פאלגן זיינע עצות.

מיר שטייען שוין א וואך פאר ראש השנה, יעדער זוכט ווי אזוי מען קען פארעכטן אלע שלעכטע מעשים, מען זוכט עצות ווי אזוי מען קען ווערן נענטער צום אייבערשטן. דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן שמט): שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ, מען קען ווערן אן אמת׳ער בעל תשובה אז מען לערנט ליקוטי מוהר״ן, וְאָמַר שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ, וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: ״סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען״, און נאך האט דער רבי געזאגט ווער עס וועט לערנען זיין ספר מיט אן אמת, וועט זיך אים עפענען אלע פארשטאפטע אָדערן, און ער וועט ווערן אן ערליכע איד; מען זעט בגשמיות, ווען א מענטש האט פארשטאפטע אדערן רחמנא לצלן, און די בלוט קען נישט אנקומען צום הארץ, כאפט מען א הארץ אטאקע ה׳ ירחם, מען דארף זוכן א גוטן דאקטער וואס קען אויפשטאפן אלע פארשטאפטע אדערן וכו׳, אזוי אויך דארף א מענטש זוכן און זיך נעמען א צדיק וואס דער צדיק איז דער דאקטער אויסצוהיילן דעם מענטש אז דער מענטש זאל זיך צוריק קערן צום אייבערשטן.

ר׳ נתן האט געזאגט פאר זיין הסתלקות: ״אפילו דער גרעסטער בעל עבירה, אויב וועט ער זיך האלטן אין רבי׳ן, וועט ער האבן א תיקון״; זעט מען פון דעם אז דער רבי האט א כח צו העלפן יעדן איינעם.

מיר האבן זוכה געווען צו האבן אין אונזער דור מוהרא״ש, וואס ער האט גענומען אלע ספרים פון רבי׳ן און עס אזוי שיין אראפגעלייגט פאר אונז, אז מיר זאלן קענען ארויסנעמען פון יעדע שיחה און פון יעדע תורה פון רבי׳ן התחזקות און עצות אויף א

גרינגע וועג; ווער עס לערנט "אשר בנחל" דארף שוין נישט קיין התחזקות פון קיינעם, ווייל דער ספר האט אזא כח, עס וועקט אויף יעדן מענטש פון שלאף.

דערפאר בעט איך דיר זייער, זאלסט זיך באנייען און אנהייבן לערנען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים, וועסטו זוכה זיין צו ווערן אן ערליכער איד און תשובה טון און פארעכטן אלע נישט גוטע מעשים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת נצבים-וילך, י"ט אלול, שנת תשע"ז לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו האסט א וואוילער מאן וואס לערנט און דאווענט; איך פריי מיך זייער צו הערן פון דיר אז איר לעבט צוזאמען באהבה ואחוה ושלום וריעות. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו רבה, פרק ט): "אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה? כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ", ווער איז א ערליכע פרוי, א פרוי וואס טוט רצון בעלה, א פרוי וואס איז שטענדיג גרייט פארן מאן וכו'.

דאס וואס דו פרעגסט צי עס איז דא א חילוק צו קענען ציילן ריינע טעג פון א אינגל צי א מיידל; בזמן שבית המקדש היה קיים איז געווען א חילוק, אבער היינט איז נישט קיין שום נפקא מינה, מען קען אנהייבן ציילן פון ווען מען ווערט ריין וכו'.

דאס וואס דו שרייבסט אז עס איז דיר שווער צו זיין וכו'; וואס זאל איך דיר זאגן, בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זיך קענען רייניגן, אז דו זאלסט קענען זיין
~~~~~~~~~~

צוזאמען מיט דיין מאן; תפילה האט זייער א שטארקע כח, מען קען אלעס פועל׳ן מיט תפילה, און אויב מען זעט אז מען האט עס נישט באקומען, דארף מען גלייבן אז דער אייבערשטער טוט דאס בעסטע פאר אונז.

דאס וואס דו בעטסט א שיעור פאר די פרויען כאטשיג איין מאל א וואך; גערעכט ביסטו, איך זאג אז עס וואלט געדארפט זיין פארקערט - די מענער זאלן האבן א שיעור איין מאל א חודש, און די פרויען יעדע וואך, ווייל ווי נישט, די מענער גייען ארויס דריי מאל יעדן טאג דאוועגען שחרית מנחה מעריב, מען טרעפט חברים, מען איז זיך מחזק איינעם דעם אנדערן, אזוי אויך הערט מען הערט דרשות שבת, מה שאין כן די פרויען הערן נישט קיין חיזוק א גאנצע וואך, וואלטן זיי געדארפט האבן מער ווי איין מאל א חודש.

אדרבה ואדרבה, אז די פרויען ווילן איין מאל א וואך א שיעור קען מען דאס מאכן יעדע וואך מיטוואך; איך מיין דו זאלסט רעדן צו די פרויען וואס זיי זענען מסדר די שיעורים און מיט זיי אפמאכן אז מען זאל מאכן א שיעור איין מאל א וואך.

איך האב זייער הנאה אז דו ביסט זיך מחי׳ מיט די בריוו, דו ליינסט עס איבער נאכאמאל און נאכאמאל, דער אייבערשטער זאל דיר העלפן דו זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת נצבים-וילך, כ׳ אלול, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האף אז דו לערנסט יעדן טאג לכל הפחות א דף גמרא; וויסן זאלסטו אז נאר דאס וועט איבער בלייבן פונעם מענטש. קיינער וויל נישט זיין קיין ארעמאן, יעדער
~~~~~~~~~~~

איינער וויל האבן געלט, און מען וויל האבן אן אייגענע הויז. ווען מען גייט אין גאס און מען זעט אן היימלאזער מענטש געבט דאס א ציפ אין הארץ, מען האט זייער רחמנות אויף אים, מען קען נישט אויסהאלטן אז מען טראכט אריין: 'וואו וואוינט דער מענטש?' 'וואו שלאפט דער מענטש וכו'?' קיינער כאפט אבער נישט אז עס דרייען זיך ארום אן א שיעור היימלאזע מענטשן ברוחניות; א מענטש וואס לערנט נישט יעדן טאג אביסל חומש, א פרק משניות, א דף גמרא - דער מענטש איז א היימלאזער מענטש.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קכ.): אויפן פסוק (ישעיהו ג, ז): "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה" - זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד", א מענטש וואס לערנט נישט יעדן טאג אביסל חומש, א פרק משניות און א דף גמרא, דער מענטש איז דער גרעסטער ארימאן; נאך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (נדרים מא.): "אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת", ווער איז אן ארימאן? דער וואס האט נישט קיין שכל; א מענטש וואס טראכט נישט פון תכלית, דער איז אן ארימאן. ווייל ווען א מענטש לערנט נישט קיין תורה יעדן טאג, און ער טוט נישט קיין מעשים טובים, ווען דער מענטש וועט אוועק גיין פון דער וועלט וועט ער זיין ארעם, ווייל אין בית החיים נעמט מען נישט מיט קיין געלט מיט הייזער, דארט נעמט מען נאר מיט תורה ומעשים טובים, דערפאר זע אריינצוכאפן אביסל תורה יעדן טאג.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס תורה טוט פארן מענטש; אפילו א מענטש זאל זיין רחמנא לצלן אין שאול תחתית, אויב דער מענטש נעמט אויף זיך צו לערנען יעדן טאג תורה, וועט ער ארויס גיין פון אלע שלעכטס וואו ער איז אריין געפאלן, חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי ראש השנה פרק ד, הלכה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה - מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם", ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך דעם עול תורה - דאס הייסט ער נעמט זיך פאר צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה - זאגט דער אייבערשטער רעכן איך אים כאילו ער האט קיינמאל נישט געזינדיגט.

דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדוּשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בַּמְּצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בָּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם", אפילו א מענטש וואס איז נעבעך אריין געפאלן אין די הענט פונעם יצר הרע, ער איז שוין אראפגעפאלן אין שאול תחתית, "אַף עַל פִּי כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כַּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִים בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמוֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כַּךְ וְכַךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג "כך וכך", וועט ער סוף כל סוף ארויסגיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס.

ווען דער רבי האט געזאגט דעם שמועס ווי גרויס תורה איז, אז עס האט א כח ארויס צו נעמען א מענטש פון זיינע שלעכטע מעשים, האט ר' נתן געפרעגט דעם רבי'ן צי דאס איז אויך פאר איינעם וואס איז אראפגעפאלן אין די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן. האט דער רבי געזאגט: "דו ווייסט ווי גרויס דער כח פון תורה איז?! תורה איז העכער פון אלעס, תורה איז בתפארת און ברית איז ביסוד, אויב דער מענטש וואס האט פוגם געווען בברית, ער האט קאליע געמאכט דעם יסוד, אויב וועט ער לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה וואס דאס איז בתפארת וועט ער אלעס מתקן זיין און ווערן אן ערליכער איד"! (חיי מוהר"ן, סימן תקעג)

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר פארן שוין קומענדיגע וואך קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן, דארפן מיר זיין זייער פרייליך; ר' נתן האט געזאגט: "ווער עס קומט קיין אומאן אויף 'ראש השנה' האט א חלק אין די גאולה", ממילא דארפן מיר זיך זייער פרייען אז מיר פארן קיין אומאן.

איך ווייס אז עס איז דיר שווער דאס פארן, אבער וויסן זאלסטו אז פאר יעדעם וואס פארט קומט דאס אן שווער, פארוועם איז דאס נישט שווער? פאר יעדן איז שווער, פון די אלע טויזנטער אידן וואס קומען קיין אומאן איז נישט דא קיינעם וועם עס איז נישט שווער; דער האט מניעות - ער האט נישט קיין איין פרוטה, א צווייטער

האט מניעות - זיין ווייב האט אים געזאגט אז דו פארסט קיין אומאן אויף ראש השנה, בלייב דארט און קום נישט אהיים, דער דריטער מיט זיינע מניעות; פאר יעדן איינעם איז שווער, אבער אז דער רבי האט געהייסן קומען, פאלגן מיר דעם רבי'ן אן קיין חכמות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת נצבים-וילך, כ' אלול, שנת תשע"ז לפרט קטן

**לכבוד מו"ה ... נרו יאיר**

איך דאנק דיר פאר'ן מיר העלפן אויפבויען די חתונה זאל אין ישיבה, וואו מען וועט קענען חתונה מאכן פאר בחינם ממש.

בעפאר זוממער איז געווען א חתונה דא אין ישיבה, עס האט נישט געקאסט פאר די מחותנים קיין געלט; די קהילה האט צוגעשטעלט דאס עסן פאר בערך טויזנט דאללער, און נאך סוכות גייט זיין נאך א חתונה דא אין ישיבה, וואס עס גייט נישט קאסטן פאר די מחותנים קיין געלט. דער אייבערשטער זאל דיר בענטשן מיט שפע ברכה והצלחה, בזכות וואס דו האסט מנדב געווען די פלאר'ס און די מאלדינגס וכו' פאר די זאל.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס מחותנים גייען אריבער ווען זיי מאכן חתונה זייערע קינדער, מען האט נישט קיין געלט חתונה צו מאכן, גייט מען און מען בארגט געלט, און ווען עס קומט די צייט וואס מען דארף שוין באצאלן, דארף מען שוין חתונה מאכן נאך א קינד, און מען זוכט א צווייטע מאל פון וואו צו בארגן. מען האט נישט צו באצאלן, און נאכדעם טרעט עס זיי צו צום הארץ, און ליידער זייער אסאך
~~~~~~~~~~~

מאל הערט מען שוידערליכע מעשיות ווי מחותנים האבן זיך צאמגעלייגט ביום החתונה אדער למחרתו - אלעס ווייל זיי האבן נישט געקענט אראפ שלינגען אז פאר נישטיגע פינף שעה פון דער חתונה נאכט האט ער זיך אנגעבארגט שווערע טויזענטער דאללער, און ער בלייבט יעצט א בעל חוב.

דערפאר, אז דו האסט מיר געהאלפן איך זאל קענען אויפבויען א זאל וואו מען וועט קענען חתונה מאכן בחינם, עס וועט נישט קאסטן קיין נפשות, זאלסטו זיין געבענטשט מיט אלע ברכות; ווי אויך וועט דאס זיין א טובה פאר דיין טאטע זכרונו לברכה וואס ער האט געטון זייער אסאך חסד פאר אידישע קינדער.

דיין טאטע ר׳ ... זכרונו לברכה האט מיר געהאלפן אויפבויען די ישיבה. איך וועל דיר דערציילן א שיינע זאך פון דיין טאטע זכרונו לברכה; יארן צוריק האב איך מיר זייער געמוטשעט, קיינער האט מיר נישט געוואלט העלפן, נאר דיין טאטע זכרונו לברכה האט מיר געהאלפן אויפבויען די ישיבה, ער האט פארשטאנען אז עס דארף זיין א פלאץ וואו מען נעמט אריין אלע סארט בחורים - נישט קיין חילוק צי מציונים צי סתם ווארילע בחורים וכו׳, ער האט מיר געהאלפן בויען דעם בנין הישיבה.

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך גיי יעצט אריין אין די צענטע יאר פון ווען איך האב געעפענט די ישיבה, און איך האב קיינמאל נישט אהיים געשיקט א בחור אויב מען האט נישט געצאלט קיין שכר לימוד; עס זיצן דא ביי מיר בחורים שוין יארן וואס קיינער צאלט נישט פאר זיי קיין שכר לימוד. מוהרא״ש זכרונו לברכה האט מיר געזאגט ווען איך האב געעפענט די ישיבה, אז איך זאל קיינמאל נישט אהיים שיקן א בחור, און זיכער נישט פארשעמען - אויב מען צאלט נישט קיין שכר לימוד, ער האט מיר געזאגט: ״דער אייבערשטער וועט דיר באצאלן פאר אלע בחורים וואס דו האלסט בחינם, בבחינת מה אני בחינם אף אתה בחינם״; און אזוי האב איך טאקע געטון, און איך מוז דיר זאגן אז עס איז שלא כדרך הטבע אז די ישיבה שטייט, און מיר קענען באצאלן פאר אלע איינגעשטעלטע אן דעם וואס מיר זאלן זיך ווארפן מיט בחורים וואס צאלן נישט.

דער אייבערשטער זאל העלפן, בזכות המצוה הזאת, זאלסטו זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר מיט אלע ברכות.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת נצבים-וילך, כ״א אלול, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

אזוי ווי מיר פארן שוין קומענדיגע וואך צום הייליגן רבי׳ן קיין אומאן, וויל איך דיר בעטן זאלסט מיר העלפן ברענגען ספרים קיין אומאן, אזוי וועסטו האבן א חלק אין הפצה וואס דאס וועט ברענגען די גאולה שלימה, אויך איז דאס א שמירה פארן וועג.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי ברכות, לד:): ״כָּל הַדְּרָכִים בְּחֶזְקַת סַכָּנָה״, ווען מען איז אונטערוועגנס דארף מען א גרעסערע שמירה; אז דו וועסט מיט נעמען מיט דיר א פעקל ספרים וועט דאס זיין א שמירה פאר דיר.

דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן שנה): ״כִּי סְפָרָיו הֵם שְׁמִירָה גְּדוֹלָה בַּבַּיִת לִשְׁמֹר גַּם הָעֲשִׁירוּת וּמָמוֹן הָאָדָם מִכָּל הַהֶזֵּקוֹ; וְהִזְכִּיר אָז עָשִׁיר אֶחָד שֶׁהָיָה יוֹדְעוֹ וּמַכִּירוֹ, וְאָמַר, שֶׁגַּם אֵלָיו הִיא טוֹבָה גְּדוֹלָה שֶׁיִּהְיֶה הַסֵּפֶר שֶׁלִּי בְּבֵיתוֹ, כִּי יִהְיֶה לוֹ שְׁמִירָה גְּדוֹלָה לְכָל דָּבָר וְשֶׁתִּתְקַיֵּם עֲשִׁירוּתוֹ״, ווען מען האלט זיינע ספרים אין שטוב, זענען זיי א גרויסע שמירה אפצוהיטן דער מענטש ער זאל נישט פארלירן זיין געלט, און ער זאל בלייבן אן עושר.

קענסט זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון ׳הפצה׳, קוק אריין אין זוהר הקדוש (תרומה קכ״ח:): ״תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, קוּם און זע, זאגט דער הייליגער זוהר: א מענטש וואס ברענגט צוריק זינדיגע מענטשן צום אייבערשטן, אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי
~~~~~~~~~~

בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתָּלַק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא, דער מענטש איז זוכה ארויף צו גיין אויף א פלאץ וואס קיין שום מענטש איז נישט זוכה; דער מענטש נעמט אוועק טומאה פון דער וועלט, און ער מאכט אז דעם אייבערשטנ׳ס נאמען זאל ווערן געהייליגט אויף דער וועלט, און דער מענטש איז גורם אז אלע וועלטן שטייען אויף זיין זכות. וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, ער איז זוכה צו זען קינדער און אייניקלעך, וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי, און ער איז זוכה צו אלע גוטע זאכן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי, קיינער קען אים נישט שלעכט׳ס טון, נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט, עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ, ער גייט אריין אין דרייצן טויערן פון שערי רחמים, און קיינער קען אים נישט צוריק האלטן", עיי"ש.

יעצט ווען מיר שטייען פארן גרויסן יום הדין, ווען מען גייט אונז משפט׳ן, אונזערע קינדער און אונזער משפחה; יעדער איינער זוכט זכותים, מען זוכט מליצי יושר, זאלסטו וויסן אז דער וואס איז עוסק אין הפצה קומט צום אייבערשטן מיט גאר אסאך זכותים. ווייל אז מען איז זוכה און מען ברענגט צוריק א איד צום אייבערשטן, דער איד הייבט אן לערנען און דאווענען, דער איד לעבט מיט תשובה, ער האט חרטה אויף זיינע מעשים וכו׳ - די אלע זכותים גייען אויפן חשבון פון דער וואס האט אים צוריק געברענגט.

דערפאר זאגט דער רבי (ספר המידות, אות ניאוף, סימן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי-אָדָם בִּתְשׁוּבָה", ווער עס וויל א תיקון אויף פגם הברית, זאל צוריק ברענגען מענטשן צום אייבערשטן און צו די תורה; עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך וואס א מענטש קען טון צו פארעכטן וואס ער האט פוגם געווען, ווי ער זאל עוסק זיין אין הפצה.

דערפאר בעט איך דיר, אויב דו קענסט נעמען נאך א רענצל אויף דיין נאמען, אדער אויף א קינד׳ס נאמען - נעם מיט פאר מיר א קעסטל ספרים. אויב קענסטו נישט

נעמען נאך א רענצל, נעם א קליין פעקל ספרים מיט דיר, און אין אומאן זאלסטו מיר עס איבערגעבן, אזוי וועסטו אויך האבן א חלק אין הפצה.

אז מען רעדט שוין פון הפצה, וויל איך דיר מחזק זיין אז לכבוד דעם נייעם יאר שנת תשע״ח - ״תְּ׳חֵל שָׁ׳נָה עִ׳ם חֲ׳סָדִים״, הייב אן דעם יאר מיט חסד; זע צו האבן א חלק אין הפצה מיט וואס דו קענסט.

ר׳ נתן איז נסתלק געווארן ערב שבת פרשת ויגש עשרה בטבת; א פאר שעה בעפאר ר׳ נתן איז נפטר געווארן, האט ר׳ נתן געזאגט די ווערטער, און דאס איז פאר אונז אזוי ווי א צוואה פון ר׳ נתן זכרונו לברכה, בזה הלשון האט ער געזאגט: ״נו, אז עזרא הסופר גייט אוועק פון דער וועלט, (עזרא הסופר איז נסתלק געווארן עשרה בטבת, און ר׳ נתן האט דאס מרמז געווען אויף זיך, אז ער האט געהאט נשמת עזרא הסופר), און טרייף פסול איז זיך מתגבר, אזוי פיל ווי ס׳איז היינט דא אלפים ורבבות טרייף פסול; נאר איך האף, אז איין בלעטל פון רבינ׳ס ספרים וועט זיין א תיקון אויף אלסדינג״, און ר׳ נתן האט אויסגעפירט: ״נו, איך זאג אייך אן, אז אייער עובדא זאל זיין איר זאלט דרוקן די ספרים, סע זאל זיין יפוצו מעינותיך חוצה, איר זאלט זיין שטארק מיט ׳געלט׳ מיט ׳רצון׳ און מיט ׳טירחא׳״; איינער קען ברענגען געלט צו דרוקן - זאל ער ברענגען געלט, איינער קען קומען העלפן דרוקן - זאל ער קומען דרוקן, איינער קען גיין אויף די הייזער מיט די ספרים וכו׳, יעדער איינער זאל צו לייגן א האנט, האבן א חלק אין מגלה זיין דעם אייבערשטן אויף די גאנצע וועלט.

מוהרא״ש זכרונו לברכה האט געזאגט אז מיט איין זאך האט ער מצליח געווען, ער האט שטענדיג געהאט ארום זיך צען מענטשן וואס האבן אים געהאלפן מיט מסירות נפש, אפילו און די שווערע זמנים ווען אלע האבן געקריגט אויף אים; און ווען ער האט זיך געמוטשעט מיט מחלוקת מבית ומבחוץ - דא און אין יבניאל, האט ער שטענדיג געהאט א מנין געטרייע תלמידים וואס זענען געגאנגען מיט אים באש ובמים.

ווען מיר האבן געעפענט דעם בית המדרש צוזאמען מיט די ישיבה אויף סקילמאן סטריט זענען אסאך תלמידי היכל הקודש אוועק געגאנגען פון דא דאווענען, זיי האבן געעפענט א אייגענע שול. איך בין געגאנגען צו מוהרא״ש רעדן וועגן דעם וכו׳, און מוהרא״ש האט מיר דעמאלט געזאגט: ״יואל זארג נישט, דו וועסט אייביג האבן מנין ארום דיר״.

דערפאר, אז מיר גייען אריין אין א נייעם יאר - שנת תשע״ח, זאלסטו גיין הפצה; יעדן איד זאלסטו באגריסן מיט א שמייכל - תַּ׳גִּיד שָׁ׳לוֹם עִ׳ם חִ׳יּוּךְ, געב אים א ספר, זיי אים מזכה מיט א ספר וואס וועט אים צוריק ברענגען צום אייבערשטן, וועט דער אייבערשטער אונז אלע העלפן אז עס וועט זיין תְּ׳הֵא שְׁ׳נַת חֶ׳סֶד עֶ׳לְיוֹן, און מיר וועלן שוין זוכה זיין צו תַּ׳גִּיעַ שְׁ׳עַת חֵ׳רוּת ע׳וֹלָמִים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת נצבים-וילך, כ״ב אלול, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

מוהרא״ש זכרונו לברכה פלעגט קומען אין ישיבה יעדעס יאר חודש אלול, און חזר׳ן די נוסח מיט די בחורים און אינגעלייט. מוהרא״ש זכרונו לברכה פלעגט דערמאנען דעם זוהר אז רבי שמעון בן יוחאי פלעגט נעמען זיינע תלמידים און איבערגיין דעם דאווענען פון ראש השנה, כדי מען זאל קענען גוט דאס דאווענען.

מוהרא״ש זכרונו לברכה האט אזוי הנאה געהאט פון דאס דאווענען; דו קענסט זיך גארנישט פארשטעלן וואסערע תענוג און נחת רוח מוהרא״ש זכרונו לברכה האט געהאט פון דעם. די ערשטע יאר וואס מוהרא״ש האט מיר מכבד געווען צו דאווענען
~~~~~~~~~~~

איז געוועזן שנת תשע״ב לפרט קטן, נאך שחרית האט מיר מוהרא״ש צוגערופן און געזאגט: ״יעצט פארשטיי איך שוין פארוואס אלע צדיקים האבן געדאווענט מיט קאפעליעס, עס איז שענער דאס דאווענען וכו׳״; און מוהרא״ש זכרונו לברכה האט מיר אנגעווינטשן מורא׳דיגע ברכות וכו׳.

מיר האבן טאקע פארלוירן מוהרא״ש זכרונו לברכה, און עס איז גאר אנדערש אומאן היינט צו טאגס ווען מיר פארן אן מוהרא״ש זכרונו לברכה, ווי ווען מיר האבן געהאט מוהרא״ש מיט אונז, אבער וויסן זאלסטו אז מוהרא״ש איז נאך דא, די נפש רוח נשמה, די דיבורים און די גייסט איז נאך דא, און מוהרא״ש האט א נחת רוח אז מיר דאווענען אינאיינעם. דערפאר בעט איך דיר זייער, דו זאלסט מיר העלפן דאווענען - סיי שחרית וואס איך וועל אם ירצה ה׳ דאווענען פארן עמוד, וויל איך זאלסט שטיין נעבן מיר, און מיר העלפן דאווענען, און סיי מוסף - זאלסטו אויך זיצן נעבן דעם עמוד פונעם בעל תפילה, און מיר העלפן דאווענען. דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואסערע נחת רוח דו וועסט מאכן דורכדעם פאר מוהרא״ש זכרונו לברכה און פארן הייליגן רבי׳ן.

היינט נאכט איז דא א פארברענג פאר אלע פרויען - אן ״אומאן פארברענג״; זע צו בלייבן אין שטוב אכטונג געבן אויף די קינדער אז דיין ווייב זאל קענען קומען. זוך נישט קיין תירוצים ארויסצוגיין פון שטוב, און וויסן זאלסטו אז עס איז זייער געזונט פאר א פרוי ארויס צו גיין אביסל פון שטוב נאכן זיין א גאנצן טאג פארנומען מיט די קינדער און מיט די שטוב ארבעט.

אז דיין ווייב איז מסכים זאלסט אוועק פארן אויף ראש השנה צום רבי׳ן, דארפסטו איר קויפן א שיינע מתנה; א אינגערמאן האט מיר דערציילט אז ער פלעגט ליידן שרעקליכע רדיפות פון זיינע עלטערן יעדעס יאר פאר ראש השנה, זיי האבן אים אזוי גע׳רודפ׳ט אז ער האט ממש נישט געקענט אויסהאלטן. ער איז געקומען פרעגן מוהרא״ש וואס ער זאל טון, האט אים מוהרא״ש געפרעגט: ״וואס זאגט דיין ווייב?״

האט ער געזאגט: ״מיין ווייב איז מסכים איך זאל פארן״, האט מוהרא״ש אים געזאגט: ״דארפסטו קויפן פאר דיין ווייב א שיינע מתנה״.

אז מען פאלגט דעם הייליגן רבי׳ן א גאנץ יאר, מען איז מכבד די ווייב, און מען רעדט שיין און איידל, איז מען זוכה צו מאכן רוען די שכינה אין שטוב, און אז די שכינה רוט אין שטוב, איז דער שטוב געבענטשט מיט אלע ברכות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת נצבים-וילך, כ״ג אלול, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האף אז דו לערנסט יעדן טאג דיינע שיעורים - אביסל מקרא, משנה, גמרא, און הלכה וכו׳. דער רבי האט געזאגט: ״איך האב גענומען דאס גוטס פון די חסידים און דאס גוטס פון די ליטווישע״; ביי חסידים איז דער עיקר ׳תפילה׳, און ביי די ליטווישע איז דער עיקר ׳תורה׳, און דער רבי האט גענומען ביידע - סיי תורה און סיי תפילה, וואס דאס איז געווען ביים רבי׳ן דער עיקר, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן רפז): ״מַה יֵּשׁ לְהָאָדָם לַעֲשׂוֹת בְּזֶה הָעוֹלָם? וואס האט א מענטש צו טוהן אויף דער וועלט? אֵין צָרִיךְ כִּי אִם לְהִתְפַּלֵּל, וְלִלְמֹד, וּלְהִתְפַּלֵּל״, נאר דאווענען און לערנען און דאווענען״. דער רבי שרייבט פאר זיין איידעם (מכתבי רבינו ז״ל, בריש ספר עלים לתרופה): ״בַּקָּשָׁתִי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִיקָּר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ׳, כִּי זֶה כָּל הָאָדָם״, מיין ליבער איידעם, איך בעט דיר זייער, זאלסט לערנען יעדן טאג גמרא און שלחן ערוך. זאלסט חס ושלום נישט מאכן פונעם טפל אן עיקר און פון עיקר א טפל; זעט מען וואס דער
~~~~~~~~~~

רבי האט געוואלט, און וואס עס איז געווען ביים רבי'ן אן עיקר - נאר תורה ותפילה ויראת שמים. דערפאר זע צו לערנען א דף גמרא יעדן טאג, און אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט - דאך זאלסטו זאגן די ווערטער, ווייל די ווערטער פון תורה וואשט אפ דעם מענטש אינגאנצן פון זיין שלעכסט.

קיינער זאל דיר נישט איינרעדן אז ברסלב'ער חסידות שטייט איין ביי דעם אדער ביי יענעם, ווייל כדי צו זיין א ברסלב'ער חסיד דארף מען לערנען דעם הייליגן רבי'נס ספרים און מען דארף דאס קענען ישר והפך. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", אז די פנים, שכל און נשמה פונעם צדיק געפונט זיך אין זיינע ספרים; ממילא, איינער וואס לערנט די ספרים פון הייליגן רבי'ן, דער איז א ברסלב'ער חסיד, אבער אז מען לערנט נישט די ספרים פון רבי'ן האט מען נישט קיין שייכות מיטן רבי'ן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ב, ה): "וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד", איינער וואס לערנט נישט תורה קען נישט זיין קיין חסיד; אזוי אויך איינער וואס לערנט נישט דעם רבינ'ס ספרים, ווי אזוי קען ער זיך פארופן א ברסלב'ער חסיד.

דער רבי האט אונז איבערגעלאזט פינף הייליגע ספרים: ליקוטי מוהר"ן, שיחות הר"ן, חיי מוהר"ן, סיפורי מעשיות און ספר המידות; דאס דארף מען לערנען און חזר'ן אן אן אויפהער, ביז עס וועט אונז ליגן אין די בלוט. יעדער איד וויל תשובה טון, און מען זוכט ווי אזוי קען מען ווערן נאנט צום אייבערשטן, דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מען קען ווערן אן אמת'ער בעל תשובה אז מען לערנט זיינע ספרים. "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", נאך האט דער רבי געזאגט: "ווער עס וועט לערנען זיין ספר מיט אן אמת, וועט זיך אים עפענען אלע זיינע פארשטאפטע אדערן"; דערפאר אז דו ווילסט תשובה טון, דו ווילסט זיך אומקערן צום אייבערשטן, און דו זוכסט א וועג ווי אזוי צו ווערן אן ערליכער איד; מאך דיר א שיעור אין רבינ'ס ספרים, וועסטו ווערן אן ערליכע איד.

זע צו זאגן דעם יום תהילים יעדן טאג, בפרט יעצט חודש אלול ווען מיר טוען תשובה, ווייל תהלים איז מסוגל אז מען זאל קענען תשובה טון, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", ווער עס וויל תשובה טון, זאל זאגן תהילים.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת נצבים-וילך, כ"ד אלול, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

מיר שטייען יעצט פאר דעם לעצטן שבת פון שנת תשע"ז; דעם שבת קענען מיר אלעס פארעכטן. איך בעט דיר זייער שטארק, זע צו זיין זייער פריילין דעם שבת, וועסטו זוכה זיין צו אלע גוטע זאכן, ווייל אלע ברכות פונעם וואך קומט בזכות שבת, אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (יתרו פח.): "כָּל בִּרְכָאָן דִּלְעֵילָא וְתַתָּא, בְּיוֹמָא שְׁבִיעָאָה תַּלְיָין", אלע ברכות איז תלוי אינעם שבת.

מוהרא"ש זכרונו לברכה זאגט אז שבת ביי די סעודה זאל מען פארציילן שיינע מעשיות פאר די קינדער, ווייל קינדער האבן זייער ליב צו הערן שיינע מעשיות, און דאס האלט זיי אראפגענאגלט פאר א לאנגע צייט. אנדערש איז אבער ווען מען הייבט אן זאגן תורות וכו', און קינדער פארשטיין נישט קיין תורות, הייבן זיי אן צו ווערן אומרואיג און עס הייבט זיך אן קריגערייען וכו'; מה שאין כן א מעשה - האט יעדער ליב צו הערן, בפרט ווען מען גרייט זיך אן מעשיות וואס מען קען ארויס נעמען פון די מעשיות התחזקות און עצות ווי אזוי צו לעבן - דאס האט יעדער ליב אויסצוהערן,
~~~~~~~~~~~

און דעמאלט איז שיין און רואיג אין שטוב. היינט איז דא א שפע פון מעשה ביכלעך ווי מען קען זיך פארקוקן שיינע מעשיות צו דערציילן.

וויסן זאלסטו אז קינדער ווארטן א גאנצע וואך אויף די שבת׳דיגע סעודות; א גאנצע וואך קומט נישט אויס פאר רוב עלטערן צו פארברענגען מיט די קינדער, זייער אסאך מאל קומט אויס אז עלטערן זעען בכלל נישט זייערע קינדער דורכאויס די וואך, מען קומט אהיים ווען די קינדער שלאפן שוין, און מען גייט שוין פארטאגס צו דער ארבעט ווען די קינדער שלאפן נאך; די קינדער ווארטן א גאנצע וואך אויף שבת צו זיצן ארום דעם טיש מיט די עלטערן, דאס ווערט ביי זיי איינגעקריצט אין זייער מח, און דאס בלייבט זיי שטענדיג אין זכרון.

מען דארף זייער אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז שבת זאל מען זיין פרייליך, מען זאל זיין אין א גוטע גיסטע, ווייל אלעס ווענדט זיך אין דער טאטע; ווען דער טאטע איז פרייליך און גוט-מוטיג זענען אלע קינדער פרייליך און רואיג, און פארקערט אויך, ווען די קינדער זעען ווי דער טאטע שרייט, דער טאטע בייזערט זיך, ווער רעדט נאך אז ער שרייט אויף די מאמע און ווארפט א פחד אויף די שטוב, ווערן די קינדער דערשראקן און איינגעצוימט, זייער מח קען זיך נישט עפענען ווי עס דארף צו זיין. דאס זאגט דער רבי (ספר המידות, אות בנים, סימן קז): ״הַבָּנִים שׁוֹטִים, כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן״, קינדער וואקסן אויף שוטים ווען זיי האבן א טאטע א כעסן; ווייל אז דער טאטע בייזערט זיך אויף זיי, קענען זיי נישט אויפוואקסן, און פון פחד גייט מען אריין אין א קטנות הדעת השם ירחם.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (גיטין ז.): ״לְעוֹלָם אַל יַטִּיל אָדָם אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ״, א מענטש זאל נישט ווארפן קיין פחד אין שטוב, שֶׁהֲרֵי פִּילֶגֶשׁ בְּגִבְעָה הֵטִיל עָלֶיהָ בַּעֲלָהּ אֵימָה יְתֵירָה וְהִפִּילָה כַּמָּה רִבְבוֹת מִיִּשְׂרָאֵל. ווייל מען זעט ביי די מעשה פון פלגש בגבעה ווי עס זענען גע׳הרג׳ט געווארן צענדליגע טויזענטער אידן, און אלעס האט זיך אנגעפאנגען ווייל ער האט איר דערשראקן ביז זי איז אנטלאפן פון אים פון פחד. נאך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (שם): אָמַר רַב יְהוּדָה אָמַר רַב: ״כָּל

הַמֵּטִיל אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, סוֹף הוּא בָּא לִידֵי שָׁלֹשׁ עֲבֵירוֹת: גִּלּוּי עֲרָיוֹת, וּשְׁפִיכוּת דָּמִים, וְחִלּוּל שַׁבָּת", ווער עס לייגט א פחד אין שטוב וועט צום סוף צוקומען צו 'גילוי עריות', 'שפיכות דמים' און 'חילול שבת'. די גמרא פארציילט אז איינער - א גרויסע מענטש - האט געווארפן א גרויסע פחד אויף זיינע משרתים, און מען האט אים מכשיל געווען מיט אבר מן החי; ווייל זיי האבן פארלוירן די כשר'ע פלייש וואס מען האט אים געדארפט ברענגען, און זיי האבן זייער מורא געהאט אז ער וועט שרייען אויף זיי: "וואו איז די פלייש?!" האבן זיי אראפ געשניטן א שטיקל פלייש פון א לעבעדיגע בהמה, און דאס האבן זיי אים געברענגט צו עסן. דאס זעלבע זאגן חכמינו זכרונם לברכה, אז אויב מען לייגט א פחד אויף די ווייב, וועט זי נאכדעם מחלל שבת זיין; ווייל אויב זי וועט זען אז די עסן קאכט נישט, וועט זי ציטערן פאר אים, און זי וועט גרעסער מאכן די פייער, וכדומה לזה.

דערפאר בעט איך דיר זייער, זאלסט אריין ברענגען ליבשאפט אין שטוב, און מאך פריילין דיין ווייב אין קינדער; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן יז): "צָרִיךְ לְזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", מען דארף זיין זייער פריילין שבת, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל", מען דארף זייער אכטונג געבן נישט צו זיין טרויעריג און דעפרעסט שבת, נאר זיך זייער שטארק פרייען א גאנץ שבת, זיך פרייען מיטן אייבערשטער, זיך פרייען אז איך בין א איד און איך היט שבת.

וויסן זאלסטו אז קינדער כאפן אויף אלעס; קינדער כאפן אויף צי דער טאטע האט ליב שבת, צי דער טאטע האט ליב דעם אייבערשטן - אדער נישט. די אלע אידן וואס זענען דא געווען אין אמעריקא פארן קריג האבן געהאט זייער שווערע נסיונות אין שמירת שבת, אויב איינער איז נישט אריין געקומען שבת ארבעטן האט ער נישט געהאט וואס צוריק צו קומען זונטאג. עס זענען געווען אידן וואס האבן זיך מוסר נפש געווען נישט צו ארבעטן שבת מיט די גרעסטע מאס מסירות נפש, ווידעראום זענען געווען אידן וואס האבן ליידער נישט עומד געווען בנסיון, זיי האבן יא געארבעט שבת קודש רחמנא לצלן; למעשה האט מען געזען אן אינטערעסאנטע זאך, זייער אסאך

קינדער זענען ארויס לתרבות רעה אפילו פון אזעלכע שטובער וואס זייערע עלטערן האבן נישט געארבעט שבת, ווייל די עלטערן זענען געזיצן א גאנץ שבת און געוויינט, יעדע שבת האט ממש אויסגעקוקט ווי תשעה באב, די טאטע און מאמע זענען געזיצן און געוויינט, זיי האבן נישט אויפגעהערט צו קרעכצן: ״אוי! עס קומט שוין נאכאמאל שבת, מען וועט ווייטער נישט האבן וואס צו עסן!״ די קינדער האבן דאס געזען, און זיי זענען אויפגעוואקסן מיט דעם באגריף אז שבת איז א קללה חס ושלום, שבת מיינט אז מען דארף זוכן א נייע פרנסה, מען גייט הונגערן נאך א וואך, האבן זיי אפגעמאכט ביי זיך אז זיי לאזן אפ אידישקייט, ווייל זיי ווילן יא האבן געהעריג פרנסה וכו׳. און פארקערט איז אויך געווען, עס זענען געווען עלטערן וואס האבן נישט געקענט עומד זיין בנסיון און זיי זענען יא געגאנגען ארבעטן שבת רחמנא לצלן, אבער פרייטאג צו נאכטס האבן זיי געמאכט א סעודה, זיי האבן געטאנצן מיט די קינדער: ״אוי אוי שבת״, ״אוי אוי שבת״, און צופרי האט דער טאטע געוויינט און געשריגן: ״איך וויל נישט גיין ארבעטן!״ ״איך וויל זיין א איד!״ ״ווער עס היט שבת, דער האט א לעבן!״ די קינדער האבן באקומען א געפיל אז עס איז נישט גוט אויב מען היט נישט שבת, און עס איז ביי זיי געווארן איינגעקריצט: ׳אוי ווי גוט צו זיין א איד, און אוי ווי שלעכט איז צו זיין א גוי׳. דאס שרייב איך דיר ווייל איך וויל דו זאלסט טאנצן מיט דיינע קינדער שבת ביי די סעודה, דו זאלסט זינגען און טאנצן מיט זיי.

איך בעט דיר זייער, אפילו דו ברענגסט אהיים צייטונגען זאלסטו עס נישט ליינען ביים שבת טיש; א צייטונג איז נישט קיין זאך וואס קומט ביים שבת טיש, הלוואי ווען איך קען פועל׳ן ביי דיר אז דו זאלסט עס בכלל נישט אריין ברענגען אין שטוב, ווייל וואס איז דער גאנצער צייטונג? איין שטיק שקר, לשון הרע, רכילות, ליצנות, דברים בטלים, דברים של מה בכך וכו׳ וכו׳; אודאי לייגן זיי אריין דברי תורה, ווייל אזוי קען מען פארנארן אידישע קינדער, מען לייגט שיינע מוסר השכל מיט כלומר׳ישע מוסר וחסידות, אבער ווער זענען די שרייבערס? פיסטע יונגעצן וכו׳ וכו׳, אבער דאס וויל איך כאטשיג פועל׳ן, אז דו זאלסט עס האלטן דארט וואו עס קומט צו זיין... דער גאנצער צייטונג איז א גְּרַף שֶׁל רֵעִי, לייגט מען עס נישט אויף א שבת טיש.

מוצאי שבת זאגן מיר שוין סליחות; אין ישיבה ווען מיר זאגן ביי חצות הלילה.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן האבן א גוט געבענטשט יאר, אונזערע תפילות זאלן אנגענומען ווערן לרחמים ולרצון.

א פרייליכע שבת.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת נצבים-וילך, כ"ד אלול, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי'**

איך האף אז דו האסט הנאה געהאט פון די צוזאמקום מיטוואך נאכט; וויסן זאלסטו אז פאר אונז אלע איז שווער דאס פארן קיין אומאן אויף ראש השנה. פאר די פרויען איז עס זייער שווער ווייל מען בלייבט איבער איינער אליין, ווער רעדט נאך אז מען האט קליינע קינדער, איז עס נאך אסאך שווערער, און פאר די מענער איז עס אויך שווער, די גאנצע נסיעה און טלטול הדרך איז נישט קיין לייכטע זאך, נאכדעם די אכסניא וואו מען שטייט איין, דעם פיזור הנפש וכו' וכו'; עס וואלט געווען אסאך מער באקוועם צו בלייבן אין שטוב מיט די ווייב און קינדער, נאר וואס דען, אז דער רבי האט געהייסן קומען צו אים אויף ראש השנה דארפן מיר פאלגן דעם רבי'ן.

איינער פון אנשי שלומינו האט געזאגט פארן רבי'ן אז עס איז אים שווער צו קומען אויף ראש השנה, ווייל ער האט נישט וואו צו עסן, און ער האט נישט קיין געהעריגע פלאץ וואו צו שלאפן; א צווייטער האט זיך אפגערעדט פארן רבי'ן אז ער קען נישט געהעריג דאווענען ווען ער קומט קיין אומאן אויף ראש השנה, האט דער רבי געזאגט מיט דעם לשון (חיי מוהר"ן, סימן תד): "יא עסן - נישט עסן, יא שלאפן - נישט שלאפן, יא דאווענען - נישט דאווענען, דער עיקר אז מען זאל זיין ביי מיר אויף ראש השנה"; וויסן זאלסטו, ווען עס קומט ראש השנה, דעמאלט איז מען דן דעם מענטש, אים מיט
~~~~~~~~~~

זיין משפחה, מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בַמַּיִם, וּמִי בָאֵשׁ וכו׳, אלעס וואס פאסירט דורכן יאר שרייבט מען אן ראש השנה, אזוי אויך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (ביצה טז:) אז ראש השנה שרייבט מען אן דעם גאנצן בודזשעט פונעם יאר.

מען זעט, ווען עס ווארט פאר א מענטש א שווערע משפט, נעמט מען דעם גרעסטן לויער וואס עס איז נאר דא; ווער רעדט נאך אויב עס ווארט פאר א מענטש א משפט פון טויט שטראף, נעמט מען דעם גרעסטן לויער וואס איז נאר דא אין די גאנצע וועלט, אפילו עס זאל קאסטן אסאך געלט, און מען וועט טון אלעס וואס מען קען צו באקומען דעם לויער, וואס ער קען אפשר ראטעווען דעם מענטש. דאס זעלבע איז ווען עס קומט ראש השנה דעם גרויסן יום הדין וואס: ״וְכָל בָּאֵי עוֹלָם יַעַבְרוּן לְפָנֶיךָ כִּבְנֵי מָרוֹן, כְּבַקָּרַת רוֹעֶה עֶדְרוֹ, מַעֲבִיר צֹאנוֹ תַּחַת שִׁבְטוֹ, כֵּן תַּעֲבִיר וְתִסְפֹּר וְתִמְנֶה וְתִפְקֹד נֶפֶשׁ כָּל חָי, וְתַחְתֹּךְ קִצְבָה לְכָל בְּרִיּוֹתֶיךָ, וְתִכְתֹּב אֶת גְּזַר דִּינָם״, דארף דאך א מענטש טון אלעס אויף דער וועלט צו נעמען א גוטן לויער, איינער וואס וועט אים העלפן ניצול צו ווערן פון די שלעכטע גזירות. דער רבי - ער איז דער גרעסטער לויער וואס איז דא אויף דער וועלט. דערפאר פארן מיר קיין אומאן אויף ראש השנה אפילו עס איז אונז שווער, און דערפאר דארפסטו זיין זייער פרייליך אז דיין מאן פארט צום הייליגן רבי׳ן אויף ראש השנה, און ער וועט זיכער אהיים ברענגען ישועות פאר די גאנצע משפחה.

איך וויל דיר בעטן א טובה, אזוי ווי עס ווערן מקורב יעדעס יאר נייע משפחות צו אונזער קהילה קדושה ״היכל הקודש״, און עס זענען דא פון זיי וואס האבן מחלוקת פון זייערע עלטערן וכו׳, אזוי אויך זענען דא יונגע פרויען וואס האבן נישט וואו צו זיין ראש השנה, איז אויב דו בלייבסט אין שטוב, איז א גרויסע מצוה דו זאלסט רופן א פרוי צו דיר אין שטוב, און זיך אינאיינעם מחזק זיין.

אויך בעט איך דיר דו זאלסט זיך פארנעמען לכבוד דעם נייעם יאר זייער שטארק אכטונג צו געבן אויף צניעות, און ווען א פרוי פירט זיך צניעות׳דיג איז זי זוכה צו מורא׳דיגע זאכן. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן ט): ״הַצְּנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכָּה

לָהּ בְּבָנִים הֲגוּנִים", א פרוי וואס פירט זיך בצניעות וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער; יעדער איינער זוכט זכותים פארן יום הדין, מען ציטערט וואס עס גייט זיין, וואס גייט מען מיר אפשרייבן, דערפאר געב אכטונג פון היינט אין ווייטער זיך אפצושערן די האר.

מוהרא"ש זכרונו לברכה האט זיך מוסר נפש געווען אין יבניאל אז אלע פרויען זאלן זיך אפשערן; מוהרא"ש פלעגט זייער אסאך רעדן אז מען זאל אכטונג געבן אז די פרוי זאל זיך אפשערן איר האר, און מוהרא"ש פלעגט אראפ ברענגען דעם זוהר (נשא קכה:): "'תּוּנְבָּא לֵיתֵי' א קללה זאל קומען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אויף דעם מענטש, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וואס לאזט זיין ווייב, 'דְּתִתְחַזֵּי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אז איר האר פון קאפ זאל זיך ארויסזען, 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', און דאס איז פון די יסודות פון א אידישע שטוב, אז מען זאל נישט זען די האר פון די פרוי; 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' און א פרוי וואס גייט מיט אויפגעדעקטע האר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זיך שיין צו מאכן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' איז זי גורם אז עס זאל זיין ארימקייט אין שטוב, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא' און זי איז גורם אז אירע קינדער וועלן נישט מצליח זיין און זיי וועלן נישט זיין חשוב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' און זי איז גורם אז די ס"מ און די נישט גוטע זאלן זיין אין איר שטוב. זאגט ווייטער דער זוהר: 'מַאן גָּרִים דָּא?' ווער איז דאס אלעס גורם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' די פרוי וואס איר האר זעט זיך ארויס". און פארקערט איז נאך מער, א פרוי וואס געבט אכטונג אז אירע האר זאל זיך נישט ארויסזען, וועט האבן אלע ברכות, און זי וועט האבן נחת פון אירע קינדער.

חכמינו זכרונם לברכה פארציילן (יומא מז.): "שִׁבְעָה בָּנִים הָיוּ לָהּ לְקִמְחִית, עס איז געווען א פרוי וואס האט געהייסן קמחית און זי האט געהאט זיבן קינדער, וְכֻלָּן שִׁמְּשׁוּ בִּכְהוּנָּה גְּדוֹלָה, און אלע זענען געווען כהנים גדולים. אָמְרוּ לָהּ חֲכָמִים: מַה עָשִׂית שֶׁזָּכִיתָ לְכָךְ? האבן די חכמים איר געפרעגט: וואס האסטו געטון אז דו האסט זוכה געווען צו דעם? אָמְרָה לָהֶם: מִיָּמַי לֹא רָאוּ קוֹרוֹת בֵּיתִי קְלָעֵי שַׂעֲרִי, האט זי געזאגט פאר די חכמים: איך האב אייביג אכטונג געגעבן אז די ווענט און די דאך פון מיין הויז

זאלן נישט זען מיין האר״; זעט מען פון דעם אז ווען מען פירט זיך מיט צניעות האט מען נאכדעם נחת פון די קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן נחת פון דיינע קינדער, און אלע ברכות וואס עס שטייט אין זוהר הקדוש אויף א פרוי וואס שערט זיך אפ איר האר, זאל מקוים ווערן ביי דיר, אמן.

א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~

## ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א

איך האב געוואלט פרעגן, אויב איר קענט מיר מסביר זיין, על פי חסידות בכלל און על פי חסידות ברסלב בפרט, דאס וואס מען זאגט ביי די לשם יחוד ביים לייגן תפלין "וצונו להניח על היד לזכרון זרוע הנטויה, ושהיא נגד הלב לשעבד בזה תאות ומחשבות לבנו לעבודתו יתברך שמו, ועל הראש נגד המח, שהנשמה שבמוחי עם שאר חושי וכוחותי כלם יהיו משועבדים לעבודתו יתברך שמו", ווי אזוי ארבעט דאס? ווי אזוי זענען די תפלין משעבד די הארץ און קאפ צום אייבערשטן?

חיים מאיר

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת נצבים-וילך, י״ט אלול, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד חיים מאיר נרו יאיר**
~~~~~~~~~~

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב זייער הנאה צו הערן אז דו ביסט זיך מחזק מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן.

מען זאגט אין דעם נוסח פון לשם יחוד פאר מען טוט אן די תפילין: "וְצִוָּנוּ לְהָנִיחַ עַל הַיָּד לְזִכְרוֹן זְרוֹעַ הַנְּטוּיָה, וְשֶׁהִיא נֶגֶד הַלֵּב לְשַׁעְבֵּד בָּזֶה תַּאֲוַת וּמַחְשְׁבוֹת לִבֵּנוּ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ. וְעַל הָרֹאשׁ נֶגֶד הַמֹּחַ, שֶׁהַנְּשָׁמָה שֶׁבְּמֹחִי עִם שְׁאָר חוּשַׁי וְכֹחוֹתַי, כֻּלָּם יִהְיוּ מְשֻׁעְבָּדִים לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ" מיר טוען אן די תפילין צו משעבד זיין אונזער הארץ און אונזער מח צום אייבערשטן.

מוהרא"ש זכרונו לברכה זאגט, מען קען הערן מענטשן זאגן: "דער מענטש איז זייער מצליח ווייל ער האט גאלדענע הענט", "דער איז מצליח ווייל ער האט א אייזערנע קאפ"; מען פארגעסט אבער אז דער אייבערשטער איז דער וואס געבט די גאנצע הצלחה פארן מענטש, ער געבט פרנסה פארן מענטש, און עס האט גארנישט צו טון מיט גאלדענע הענט אדער א אייזערנע קאפ. די גאנצע וועלט פירט זיך פונעם אייבערשטן, אזוי ווי אזוי ווי שלמה המלך זאגט (קהלת ט, יא): "לֹא לַחֲכָמִים לֶחֶם, וְגַם לֹא לַנְּבֹנִים עֹשֶׁר וגו'"; מיט דעם טייטש מוהרא"ש דעם מאמר חז"ל (סנהדרין מו.): "שְׁכִינָה מַה לָּשׁוֹן אוֹמֶרֶת, קַלַּנִי מֵרֹאשִׁי, קַלַּנִי מִזְּרוֹעִי", דער אייבערשטער קלאגט, דער קאפ טוט מיר וויי, די הענט טוט מיר וויי, "עס טוט מיר וויי צו הערן ווי מענטשן זאגן אז א 'גוטע קאפ' ברענגט הצלחה, אדער 'גוטע הענט' ברענגט עשירות", נישט דער אייזערנע קאפ מאכט רייך, און נישט די גאלדענע הענט מאכט געלונגען, נאר אלעס קומט פונעם אייבערשטן. דערפאר טוען מיר אן תפילין אויף די הענט און אויף די קאפ, מיר בינדן צו אונזער הענט און קאפ צום אייבערשטן, וואס דורכדעם טוען מיר ווייזן אז אלעס וואס מיר האבן, אלעס קומט פונעם אייבערשטן. דאס איז פשט פון משעבד זיין אונזער הארץ און אונזער קאפ צום אייבערשטן, מיר בינדן זיך צו צו אים, און מיר ווייזן אז מיר קענען גארנישט טון אן דעם אייבערשטן.

מיר קענען נישט משיג זיין ווי גרויס די מצוה פון תפילין איז, און ווי פריילך מיר דארפן זיין ווען מיר זענען זוכה אנצוטון תפילין. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ל:): אַבַּיֵי הֲוָה יָתֵיב קַמֵּיהּ דְּרַבָּה, חַזְיֵיהּ דַּהֲוָה קָא בָּדַח טוּבָא, אֲמַר: "וְגִילוּ בִּרְעָדָה" כְּתִיב! אֲמַר לֵיהּ: אֲנָא תְּפִלִּין מַנַּחְנָא", אביי איז געזעצן פאר רבה, און רבה האט געזען אז אביי איז זייער פריילך, האט אים רבה געפרעגט, עס שטייט דאך (תהלים ב, יא): "וְגִילוּ בִּרְעָדָה"? האט אים אביי געענטפערט: "איך האב אנגעטון תפילין"!

רַבִּי יִרְמְיָה הֲוָה יָתֵיב קַמֵּיהּ דְּרַבִּי זֵירָא, חַזְיֵיהּ דַּהֲוָה קָא בָּדַח טוּבָא, אֲמַר לֵיהּ: "בְּכָל עֶצֶב יִהְיֶה מוֹתָר" כְּתִיב, אֲמַר לֵיהּ: "אֲנָא, תְּפִלִּין מַנַּחְנָא", די זעלבע מעשה איז געווען ביי רבי ירמיה, ער איז געזיצן פאר רבי זירא, און רבי זירא האט געזען אז רבי ירמיה איז זייער פריילך, האט אים רבי זירא געפרעגט, עס שטייט דאך (משלי יד, כג): "בְּכָל עֶצֶב יִהְיֶה מוֹתָר"? האט אים רבי ירמיה געענטפערט: "איך האב אן תפילין"!

זעט מען פון דעם ווי ווייט א מענטש דארף זיך מחיה זיין מיט דעם וואס ער טוט אן תפילין יעדן טאג; דער יצר הרע קען דאס אבער נישט נעמען, ער קען נישט זען ווי א איד בינדט זיך צו צום אייבערשטן יעדן טאג, וואס טוט ער? ער ווארפט אראפ דעם מענטש און ער מאכט אז דער מענטש זאל האבן חלישות הדעת - זה בכה וזה בכה, צו יעדן איינעם קומט ער מיט אן אנדערע שלייער, ער צעברעכט דעם מענטש, ער ברענגט אריין אין אים שלעכטע מחשבות, אז דער מענטש טראכט: 'ווער דארף מיין תפילין, ווער דארף מיין דאווענען, איך בין דאך אזוי ווייט פונעם אייבערשטן, איך האב דאך אזוי סאך געזינדיגט וכו' וכו'", אבער דאס איז נישט אמת, ווייל דער אייבערשטער ווארט אז דער מענטש זאל קומען יעדן טאג אין שול.

חכמינו זכרונם לברכה זאגט זאגן (ברכות ו:): "אָמַר רַבִּי יִצְחָק: כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָא יוֹם אֶחָד, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁאִיל בּוֹ", ווען א מענטש קומט נישט אין שול פרעגט דער אייבערשטער "וואו איז דער איד?" פארוואס איז ער נישט געקומען; אויב איז ער נישט געזונט וועט אים דער אייבערשטער אויסהיילן, אויב איז ער פארנומען מיט מעשים טובים, וועט אים דער אייבערשטער העלפן. אפילו א

מענטש האט געטון עבירות און ער איז זייער ווייט פונעם אייבערשטן קען ער זיך אין איין מינוט צוריק קערן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא פו.): ״גְדוֹלָה תְּשׁוּבָה, שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד״, ווען א מענטש טוט תשובה, קומט ער אן ביזן אייבערשטן אליין.

וואויל איז פאר א מענטש וואס טוט אן תפילין יעדן טאג און ער איז זיך מחיה מיט דעם, ער טאנצט זיך אונטער בשעת׳ן אנטון די תפילין; ביי מוהרא״ש האט מען געקענט זען ווען ער פלעגט אנטון די תפילין, בשעת ער האט געמאכט די ברכה האט ער זיך אונטער געטאנצן, ממש אזוי ווי איינער וואס האט יעצט געוואונען א ריזן סומע געלט.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מנחות מד:): ״כָּל הַמֵּנִיחַ תְּפִילִין מַאֲרִיךְ יָמִים״, ווער עס טוט אן תפילין וועט האבן אריכות ימים; און אז מען לייגט תפילין איז מען זוכה צו זיין אפגעהיטן פון עבירות, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מנחות מג:): ״רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב אוֹמֵר, כָּל שֶׁיֵּשׁ לוֹ תְּפִילִין בְּרֹאשׁוֹ, וּתְפִילִין בִּזְרוֹעוֹ, וְצִיצִית בְּבִגְדוֹ, וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ - הַכֹּל בְּחִזּוּק שֶׁלֹּא יֶחֱטָא״, ווער עס טוט אן תפילין וועט נישט זינדיגן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

שלום וברכה,

ראשית וויל איך זיך באדאנקען פאר׳ן ראש ישיבה אויף די מענטשליכקייט און די גוטע מידות וואס די שיעורים האבן אריינגעלייגט אין מיר. דאס איז נאך אויסער די געשמאקקייט אין עס אויסהערן.
~~~~~~~~~~

איך בין א מיידל אין ארץ ישראל, פון א ברסלב'ער שטוב, ס'איז שוין א לאנגע צייט וואס מען הערט אויס שידוכים פאר מיר, און דערוויייל איז נאכנישט אנגעקומען מיין באשערטער. איך בין משתדל זיך מחזק צו זיין אין אמונה אז קיינער קען נישט צונעמען מיין חתן, און איך ווארט מיט סבלנות.

יעצט האט זיך געמאכט א שידוך וואס זעט אויס פון אויבנאויף זייער גוט, מיין שאלה איז אבער ווי אזוי איך קען וויסן אויב דאס איז טאקע דער ריכטיגער שידוך, ווי אזוי קען איך וויסן אויב דער שידוך איז טאקע גוט פאר מיר?

יישר כח פאר'ן אוועקגעבן פון אייער טייערע צייט צו ענטפערן שאלות.

גענענדל

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת נצבים וילך, י״ט אלול, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד גענענדל תחי׳**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פונעם הייליגן רבי׳ן וואס איז אונז מחזק און מחי׳ אז מיר זאלן נישט ווערן צעפאלן פון אלעס וואס גייט אריבער אויף אונז, מיר זאלן וויסן אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט מיט א חשבון און אז מיר פארשטיין גארנישט; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן נב): דאס וואס עס איז דא קשיות אויפן אייבערשטן - אזוי דארף צו זיין, וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ, כִּי מֵעֹצֶם גְּדֻלָּתוֹ וְרוֹמְמוּתוֹ, שֶׁהוּא מְרוֹמָם מְאֹד מִדַּעְתֵּנוּ, עַל כֵּן בְּוַדַּאי אִי אֶפְשָׁר שֶׁנָּבִין וְנַשִּׂיג בְּשִׂכְלֵנוּ הַנְהָגָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְעַל כֵּן בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּהְיוּ עָלָיו יִתְבָּרַךְ קֻשְׁיוֹת, כִּי כָּךְ נָאֶה וְיָפֶה לְהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה מְרוֹמָם וְנִשָּׂא מִדַּעְתֵּנוּ, שֶׁעַל יְדֵי זֶה קָשֶׁה הַקֻּשְׁיוֹת כַּנַּ״ל, וְאִם הָיָה הַנְהָגָתוֹ כְּפִי חִיּוּב דַּעְתֵּנוּ, אִם כֵּן הָיָה, חַס וְשָׁלוֹם, דַּעְתּוֹ כְּדַעְתֵּנוּ. און דאס איז די שיינקייט, אז עס איז דא קשיות אויפן אייבערשטן, ווייל אויב מיר וואלטן אלעס פארשטאנען וואלט דאך געווען זיין שכל אזוי ווי אונזער שכל - חס ושלום; קומט

אויס אז דאס איז דער שיינקייט פונעם אייבערשטן, אז מיר פארשטייען אים נישט. אבער דער רבי האט אויסגעפירט: "וואויל איז דעם וואס האט נישט קיין קשיות אויפן אייבערשטן".

יעדער מענטש האט א קשיא, אנגעפאנגען פון א בחור און א מיידל וואס האבן א קשיא פארוואס זיי האבן נישט קיין שידוך - פאר יעדן איינעם גייט גוט, יעדער איינער טרעפט זייער שידוך, פארוואס מיר האבן נישט קיין שידוך; נאכדעם א אינגערמאן האט א קשיא פארוואס ער האט נישט קיין פרנסה; פארוואס איז דער מענטש נישט געזונט? וכו' וכו', אבער אז מען ווייסט אז אלעס איז דער אייבערשטער לעבט מען א חיים טובים.

"לָמָּה? יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם" - א גוי פרעגט פארוואס, א איד פרעגט נישט פארוואס, נאר א איד גלייבט אינעם אייבערשטן, "אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ", וואויל איז פאר א איד וואס ער האט נישט קיין קשיות, נאר ער חזר'ט שטענדיג: ווי אזוי? אט אזוי! אזוי ווי עס גייט, אזוי איז גוט - "שֶׁכָּכָה לּוֹ".

דערפאר בעט איך דיר זייער, שטארק דיך און דערהאלט זיך מיט אלע דיינע כוחות מיט אמונה פשוטה, און דער אייבערשטער וועט דיר צוברענגען דיין שידוך פליצלונג אומגעראכטן; איך ווייס אז דו ביסט זייער צעבראכן, דו ווילסט חתונה האבן, דו ווילסט אנהייבן דיין לעבן, און דו זעסט נישט קיין שום וועג ווי אזוי און ווען, און מיט וועם וכו', דאך בעט איך דיר זייער זייער, דו זאלסט זיך נישט פארלירן, ווייל אט אט איז דיין ישועה.

דער רבי האט אונז געגעבן אן עצה וואס ווער עס געוואוינט זיך צו צו דעם לעבט א חיים טובים, די עצה הייסט "התבודדות"; דאס הייסט, אז א מענטש זאל יעדן טאג גיין אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, א פלאץ וואו קיינער שטערט נישט, און דארט זאל ער זיך אויסרעדן דאס הארץ צום אייבערשטן, און זיך גוט אויסוויינען צום אייבערשטן, פארציייל פארן אייבערשטן אלעס וואס גייט אריבער אויף דיר, רעדט

צו אים אויף די שפראך וואס דו ביסט צוגעוואוינט צו רעדן, וועסטו זיכער זען בקרוב דיין ישועה.

ר' נתן זכרונו לברכה האט געזאגט: "וּבְחָנוּנִי נָא בָּזֹאת, אויב א מענטש וועט רעדן צום אייבערשטן און בעטן אויף א זאך פערציג טעג, וועט ער עס זיכער באקומען". דערפאר בעט איך דיר זייער, שטארק דיך אוןווארט אויס, וועסטו זען אז דיין שידוך וועט אנקומען.

ביז דערווייל גיי ארום מיט א שמייכל, ווייל מענטשן האבן זייער ליב איינעם וואס גייט ארום מיט א שמייכל, בפרט ווען מען זוכט א שידוך קוקט מען אויף דעם.

בנוגע וואס דו פרעגסט מיר צו די זאלסט מאכן א שידוך אויב דער בחור גלייבט אין ..., עס איז זייער שווער צו ענטפערן ווען מען קען נישט דעם בחור וכו'.

שטארק זיך אין תפילה והתבודדות וועסטו זען א ישועה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

אל כבוד הראש ישיבה שליט"א:

היום עשיתי בס"ד סיום מסכת קידושין בזכות הרב שאמר לומר את המילים, ואתה יודע כשאומרים מתעכבים כבר פה ושם בהבנה.

למדתי כך 3 דפים ביום, והיום עשיתי סיום בתופים ובמחולות.
~~~~~~~~~~

אשריכם שאתם מפרסמים את תורת רבי נחמן האמיתי, יצאתי ידי חובת קביעת עיתים לתורה הרווחתי מסכת והרווחתי שמחה בלב והרווחתי שאני מרגיש יותר קרוב לשי"ת.

בלי השיטה הזאת של רבי נחמן מברסלב זצ"ל לא הייתי מתחיל ללמוד את המסכת, ורק בזכות ההקלה שמרגישים בדרך הזאת קופצים לתוך הלימוד ונהיה קבוע, וכמובן שאגדתא זה בוודאי מתעכבים להבין שזה מעניין יותר. שיטה נפלאה ואמיתית בפרט בדורנו החלש בכל המובנים.

יישר כח גדול מאד.

השיטה שלך של מוהרא"ש שמקבלים אותי איך שאני ואני שווה בשווה עם ההוא שהולך עם 16 שמונה בגדים ומזיע עד כדי חלשות ועושה רושם של מקדש השם.....

זה דבר אדיר ונורא שמחזיק את היידישקייט היום, בקיצור חזק ואמץ וזה חשוב מאד שאתה לא מדבר נגד הסמרטפונים באופן ישיר לדאוג על הצדקות של אחרים אלא דרך השכל מה שבאמת כדאי כדי לחיות טוב ושמח ורגוע.....

שוב יישר כח גדול מאד חילכם לאורייתא

יעקב

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת נצבים-וילך, כ׳ אלול, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד יעקב נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער רבי האט אמאל געפרעגט א איד צי ער לערענט יעדן טאג, האט דער איד געענטפערט פארן רבי׳ן אז ער האט נישט קיין צייט צו לערנען, ער איז פאריאגט און פארפלאגט, ער מוטשעט זיך צו ברענגען פרנסה פאר זיין ווייב און קינדער, און ער

איז פארנומען א גאנצן טאג מיט זיין ארבעט, און ער האט נישט קיין צייט צו לערנען, האט אים דער רבי געזאגט: אפילו דו ארבעטסט א גאנצע טאג, און דו קענסט זיך נישט קובע זיין א באשטימטע צייט צו לערנען, זאלסטו זען ארויס צו כאפן יעדן טאג אביסל צייט צו לערנען תורה; דער רבי זאגט אז דאס איז פשט וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת לא.) ווען א מענטש קומט ארויף אויף יענע וועלט, איינע פון די ערשטע שאלות וואס מען פרעגט דעם מענטש איז: "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?" בפשטות זעט אויס אז מען פרעגט דעם מענטש צי ער האט קובע געווען א צייט יעדן טאג צו לערנען, אבער דער רבי טייטשט אנדערש, אז מען פרעגט אים צי ער האט אראפ גע'גנב'עט צייט צו לערנען תורה יעדן טאג, מיט אלע שוועריקייטן מיט אלע איבערגייעכטס, ווייל קֶבַע איז א לשון פון גְזֵלָה, אזוי ווי עס שטייט (משלי כב, כג) "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ", זעט מען אז דאס איז א לשון פון גנב'נען; איז פשט, אז מען פרעגט דעם מענטש: "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?" צי ער האט ארויס געכאפט פון זיין פארנומענעם טאג אפאר מינוט פאר תורה (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רפד).

אז מען קוקט מיט אן אמת זעט מען אז א מענטש וואס געוואוינט זיך צו צו לערנען אויפן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן, ווען ער האט א פאר איבעריגע מינוט כאפט ער אריין נאך א פרק משניות, נאך א דף גמרא; וואו ער גייט און וואו ער שטייט נעמט ער מיט זיך א זעקל ספרים, א משניות'ל, א תהילימ'ל, א חומש'ל, און ווען ער האט א פאר מינוט כאפט ער אריין נאך אביסל און נאך אביסל, דאס איז די ריכטיגע וועג פון זיך קובע זיין א צייט צו לערנען, ווייל דאס קען מען אייביג טון - צי מען האט פרנסה צי נישט, צי מען האט שלום בית צי נישט וכו' וכו'; דאס איז דער ריכטיגער קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה.

ווען א מענטש לערנט נאר ווען ער איז אויסגערוהט, נאר ווען אלעס קלאפט - וועט ער אייביג האבן תירוצים; היינט קלאפט נישט דאס, מארגן קלאפט נישט יענץ, אבער ווען מען לערנט אויפן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן (עיין שיחות הר"ן, סימן עו) מען קוקט נישט צי מען פארשטייט גלייך יעדעס ווארט צי מען פארשטייט נישט גלייך יעדע זאך, דעמאלט איז מען זוכה צו לערנען זייער אסאך.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ב, ד): "אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפָּנֶה אֶשְׁנֶה, שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה", זאג נישט 'ווען איך וועל האבן צייט און נישט זיין פארנומען, דעמאלט וועל איך לערנען', ווייל עס קען זיין אז דו וועסט נישט האבן קיין צייט, און עס קען זיין אז יעדעס מאל וועסטו האבן אנדערע תירוצים, נאר יעצט כאפ אריין אביסל תורה.

בנוגע סמארט-פאון וכו'; איך זאג נאר וואס איך האב געהערט פון מוהרא"ש זכרונו לברכה, ווי ער האט געוויינט און געועדט אזוי סאך צו זיינע אינגעלייט אז זיי זאלן נישט חרוב מאכן זייערע שטובער, זיי זאלן נישט אריין ברענגען אין שטוב קיין קאמפיוטער וכו'; ביזנעס איז ביזנעס, אבער אין שטוב איז נישט גוט צו האבן א קאמפיוטער וכו'. וויפיל פרויען און אינגע ווייבלעך שרייבן מיר און וויינען צו מיר אז איך זאל זיי מדריך זיין, איך זאל זיי זאגן צי זיי זענען מחויב צו לעבן מיט א מאן וואס איז צוגעקלעבט צו זיין סמארט-פאון וכו'.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

שלום וברכה,

קודם כל וויל איך זאגן א יישר כח פאר אלע שיעורים פון די זומער, עס האט מיר מורא'דיג מחזק געווען.

דעם זומער בין איך געווען אין קעמפ און איך האב געזען בחורים. איך האב זיך אויסגע'משל'ט אז איין בחור איז מיין שידוך, נישט ווייל ער איז שיין און cool, נאר ווייל איך הער ווי מיינע ברידער רעדן וועגן זיינע גוטע מדות און ווי סאך ער לערנט.
~~~~~~~~~~

איך ווייס אז עס איז נישט א גוטע זאך, איך בעט אסאך דעם אייבערשטן אז איך זאל נישט טראכטן פון אים, איך ווייס אבער נישט וואס צו טון, איך טראכט פון אים בייטאג און ביינאכט.

אפשר קען דער ראש ישיבה מיר געבן אן עצה?

גענעשע

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת נצבים-וילך, כ״א אלול, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד גענעשע תחי׳**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

שטארק דיך און ווער נישט צעבראכן פון דעם וואס דו גייסט יעצט אריבער; עס איז א זאך וואס פאסירט ביי אסאך מיידלעך. דו בעט דעם אייבערשטן ער זאל דיר העלפן אז דו זאלסט זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, דו זאלסט האבן א ערליכע מאן מיט ערליכע קינדער.

נישט אלעס איז דאס אויסזען פון א מענטש; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תיקוני זוהר, תיקון כא, דף ס:) אז א שוטה קוקט אויף די לבוש מיט וואס דער מענטש איז אנגעטון, אבער א חכם קוקט וואס טוט זיך אונטער דעם לבוש; ווען עס קומט צו טון א שידוך דארף מען קוקן צי דער בחור האט גוטע מידות, צי ער איז א ותרן אדער א כעסן; דער עיקר דארף מען קוקן אויף דעם. זייער אסאך מאל צעטיילן זיך א יונגע פארפאלק ווייל זיי האבן נישט מברר געווען אויף די מידות, מען האט נאר געקוקט אויפן אויסזען.

נישט יעדע בחור וואס דרייט זיך דא אין ישיבה איז א תלמיד הישיבה וד״ל; דו בעט דעם באשעפער אז דו זאלסט האבן אן ערליכע מאן און ערליכע קינדער, קינדער וואס וועלן נאר טון דעם רצון ה׳, קינדער וואס וועלן לערנען און דאווענען און טון חסד.

ווען מען בעט פאר א שידוך טאר מען נישט בעטן דעם אייבערשטן 'איך דארף דער שידוך'; חכמינו זכרונם לברכה פארציילן (מועד קטן יח:) רבא האט אמאל געהערט ווי א בחור בעט דעם אייבערשטן: "תִּזְדַּמֵּן לִי פְּלָנִיתָא", איך וויל חתונה האבן מיט די מיידל, האט רבא געזאגט פאר דעם בחור: "לֹא תִּיבָּעֵי רַחֲמֵי הָכִי", מען טאר נישט בעטן דעם אייבערשטן 'איך דארף דעם און דעם שידוך'. זעט מען פון די גמרא אז מען טאר נישט בעטן אויף א געוויסע שידוך, ווייל מען ווייסט נישט וואס איז גוט פארן מענטש.

זאלסט זיך נאר חבר'ן מיט גוטע מיידלעך - וועסטו האבן א זיסע לעבן; ווי אזוי קען מען וויסן ווער איז א גוטע מיידל און ווער נישט? אז מען קוקט אויפן מויל. א גוטע מיידל רעדט שטענדיג איידל, זי מאכט נישט אוועק א צווייטן, זי טשעפעט נישט קיינעם, זי רעדט צו אירע טיטשערס מיט דרך ארץ, ווער רעדט נאך צו טאטע מאמע - רעדט זי איידל וכו', מיט אזעלכע מיידלעך זאלסטו זיך חבר'ן, אבער אז דו הערסט מיידלעך רעדן פון נישט איידעלע זאכן, זאלסטו אוועק גיין פון זיי, ווייל עס וועט דיר אויך שאטן.

זע צו זאגן יעדן טאג דעם יום תהילים, און וואס דו דארפסט זאלסטו נאר בעטן פונעם אייבערשטן, דער אייבערשטער פארשטייט אלע שפראכן און הערט אויס יעדן איינעם; חכמינו זכרונם לברכה פארציילן (מדרש דברים רבה ב, טז): עס איז געווען אמאל א שטורם ווינט אויפן וואסער, און א שיף איז פארבלאנדשעט געווארן און אנגעקומען צו א ווייטע שטאט, אויפן שיף האבן זיך געפונען איין איד מיט אסאך גוים, ווען דער שיף איז אנגעקומען צו די פרעמדע מדינה זענען אלע גוים צוגעקומען בעטן פון דעם איד ער זאל זיי גיין קויפן עסן, האט דער איד זיי צוריק געפרעגט מיט וואונדער: "איך בין דען באקאנט דא, אז איר אלע קומט מיר בעטן איך זאל קויפן עסן?" האבן אלע גוים אויסגעשריגן צו דעם איד און געזאגט: "א איד איז קיינמאל נישט אליין, א איד האט אייביג דעם אייבערשטן מיט זיך".

זעט מען פון דעם אז דער אייבערשטער הערט אונז אלעמאל אויס, און מיר זענען קיינמאל נישט אליין, דערפאר זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן אלעס וואס דו דארפסט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד הרה"ג ר' יואל ראטה שליט"א,

איך בין א אינגערמאן פון ארץ ישראל, איך האב שטארקע נסיונות און דורכפעלער אין עניני קדושה. לעצטנס האב איך געזען א שמועס פונעם ראש ישיבה, ווי אזוי דער ראש ישיבה לייגט אראפ די הארבקייט און די עקלדיגקייט פון די עבירה, און איך האב באקומען זייער שטארקע חיזוק, וואס האלט שוין אן א גאנצע וואך.

וואס איז די עצה איך זאל עס קענען אנהאלטען ווייטער און נישט נאכאמאל דורך פאלן?

יישר כח

אהרן

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת נצבים-וילך, כ״א אלול, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד אהרן נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~~

וויסן זאלסטו, אז די עבירה פון פגם הברית איז זייער א הארבע עבירה, אזוי ווייט אז חכמינו זכרונם לברכה זאגן (נדה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּב מִיתָה", ווער עס זינדיגט אין פגם הברית, ער איז מוציא זרע לבטלה רחמנא לצלן, איז חייב מיתה. "רַבִּי יִצְחָק וְרַבִּי אַמִּי אָמְרֵי, כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", רבי יצחק און רבי אמי זאגן, ווער עס זינדיגט אין פגם הברית, ער איז מוציא זרע לבטלה, איז אזוי ווי איינער איז עובר אויף רציחה און שפיכת דמים. "רַב אַסִּי אָמַר, כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", רב אסי זאגט, ווער עס זינדיגט אין פגם הברית, ער איז מוציא זרע לבטלה איז אזוי ווי ער דינט עבודה זרה רחמנא לצלן.

און נאכדעם וואס דער מענטש גייט אוועק פון דער וועלט בלייבן די טיפות צוגעטשעפעט צו אים, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קמא) אז די אלע טיפות וואס מען איז מוציא לבטלה וכו', זיי גייען נאך דעם מענטש ווען דער מענטש שטארבט, זיי זענען אים מלוה וכו', און דאס איז א מורא'דיגע צער און בושה פארן מענטש רחמנא לצלן.

און זוהר הקדוש שטייט (ויחי ריט:) "אָמַר רַבִּי יְהוּדָה לֵית לָךְ חוֹבָא בְּעָלְמָא דְּלָא אִית לֵיהּ תְּשׁוּבָה בַּר מֵהַאי, וְלֵית לָךְ לְחַיָּיבָא דְּלָא חָמָאן אַפֵּי שְׁכִינְתָּא בַּר מֵהַאי", עס איז נישט דא קיין עבירה וואס עס העלפט נישט דערויף קיין תשובה, אויסער ווען א מענטש איז פוגם בברית, אויף דעם העלפט נישט קיין תשובה, און עס איז נישטא קיין זינדיגער מענטש וואס וועט נישט זוכה זיין צו זען דעם אייבערשטן, נאר ווער עס זינדיגט אין פגם הברית; די עבירה פון פגם הברית אזוי אזוי הארב, ווייל פון יעדע טיפה וואס דער מענטש איז מוציא לבטלה קען ווערן פון דעם א קינד, איז עס אזוי ווי דער מענטש הרג'עט זיינע קינדער. דאס איז אפילו ווען א מענטש זינדיגט איין מאל וכו', כל שכן אז א מענטש זינדיגט אסאך מאל, איז עס אזוי ווי ער איז א גאר גרויסער רוצח.

דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף אונזער דור, און אראפ געשיקט דעם הייליגן רבינ'ס נשמה אויף דער וועלט, וואס ער הייבט אויף אלע נשמות וואס זענען

אראפ געפאלן אין די עבירה, און דורך זיינע עצות ברענגט ער זיי אלע צוריק צום אייבערשטן. אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן עא): ״קיינער פארשטייט נישט פשט אין דעם זוהר, נאר איך, און איך זאג - זאגט דער רבי - אז עס העלפט יא תשובה, אפילו איינער וואס האט אסאך געזינדיגט.

דערפאר, אז דו בעטסט מיר איך זאל דיר געבן א עצה ווי אזוי מען קען זיין שטארק און נישט טון די עבירה, וועל איך דיר שרייבן אפאר נקודות פונעם הייליגן רבינ׳ס ספרים.

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א מתנה וואס רופט זיך ׳התבודדות׳; א מענטש זאל זיך אויסרעדן זיין הארץ צום אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך, אויף זיין מאמע לשון. מען זאל גיין אויף א פלאץ וואו קיינער געפונט זיך נישט דארט, און זיך אויסשמועסן דאס הארץ; דערציילן פארן אייבערשטן אלעס וואס מען גייט אריבער, ברוחניות ובגשמיות, דערציילן וואו דער יצר הרע ווארפט אים אלץ אראפ, און וויפיל מאל דער מענטש מאכט שוין אפ אז ער גייט זיין גוט, פאלט ער נאכאמאל צוריק אריין אין די עבירה.

טייערער ברודער, פאלג דעם רבי׳ן, און זוך דיר א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, דארט זאלסטו זיך אויסגיסן דיין הארץ צום אייבערשטן, פארצייל אים אלעס וואס עס גייט אריבער אויף דיר, אלע שלעכטע מחשבות וואס דער יצר הרע ברענגט אריין אין דיר, בעט אים: ״רבונו של עולם, האב רחמנות אויף מיר, איך וויל זיין אן ערליכער איד, איך וויל האבן ריינע אויגן, איך וויל נישט קוקן שמוציגע מאוויס מיט שמוציגע קליפס, וואס זאל איך טון אז איך האלט אין איין אראפ פאלן? איך שפיר אז איך ווער פארברענט, די תאות ניאוף פלאקערט אין מיר, הייליגע באשעפער ראטעווע מיר, איך וויל אזוי שטארק זיין אן ערליכער איד, אבער איך האלט אין איין צוריק פאלן, איך האלט אין איין קוקן שמוץ, און נאכדעם קום איך צו טון די עקלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, איך בין אזוי צעבראכן, דער לעבן איז מיר נמאס״.

"רבונו של עולם, האב אויף מיר רחמנות, געב מיר כח; העלף מיר איך זאל גלייבן אין דיר, איך זאל שפירן אז דו האסט מיר ליב. דער יצר הרע רעדט מיר איין אז דו ביסט אויף מיר ברוגז, איך גיי ארום מיט נארישע געדאנקען, איך רעדט מיך איין אז דו דארפסט מיר נישט וכו'", אזוי זאלסטו רעדן צום אייבערשטן, זאלסט אים אלעס פארציילן און גארנישט באהאלטן פון אים, וועסטו סוף כל סוף ארויס גיין פון דיין פלאנטער אין וואס דו ליגסט.

זע צו זאגן יעדן טאג דעם "תיקון הכללי"; די צען קאפיטלעך תהילים וואס דער הייליגער רבי האט מתקן געווען (קאפיטל ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ). דער רבי האט געזאגט אז ווער עס זאגט די צען קאפיטלעך תהילים, דארף שוין גארנישט זארגן; נאך האט דער רבי געזאגט (שיחות הר"ן, סימן קמא) אז אסאך צדיקים האבן געוואלט משיג זיין דעם תיקון, אבער זיי האבן עס נישט געקענט משיג זיין, א טייל זענען אוועק פון דער וועלט פאר זיי האבן בכלל געקענט דערגיין דעם תיקון, און א טייל צדיקים האבן יא אנגעהויבן משיג צו זיין דעם תיקון, אבער זיי זענען נפטר געווארן אינמיטן, אבער מיר - זאגט דער רבי - האט דער אייבערשטער געהאלפן אז איך האב געקענט דערגיין דעם תיקון; יעדן טאג זאלסט זאגן די תיקון הכללי נאך תפילת שחרית, וועסטו זוכה זיין צו פארעכטן אלעס וואס דו האסט פוגם געווען.

זע צו לערנען יעדן טאג אביסל חומש - שנים מקרא ואחד תרגום; זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי און אזוי ווייטער ביז סוף וואך, און אויב דו האסט נאך אפאר מינוט לייג אויך צו רש"י. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן יט) אז שנים מקרא ואחד תרגום איז א תיקון הברית.

אויך זע צו זאגן יעדן טאג משניות, ווייל משניות רייניגט דעם מענטש, און "מִשְׁנָה" איז די אותיות "מְשַׁנֶה", אז ווי מער א מענטש זאגט משניות איז ער זיך מְשַׁנֶה אינגאנצן, און ער ווערט ריין. משניות האט א סגולה אז עס שלעפט ארויס דעם מענטש פון די טיפסטע בלאטע, וואס די ראשי תיבות פון דער ווארט מִשְׁנָה איז (תהילים ל, ד):

הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי, אז מען זאגט משניות נעמט עס ארויס דעם מענטש פון די טיפסטע שמוציגסטע פלעצער וואו דער מענטש איז רחמנא לצלן אריין געפאלן.

אויב קענסטו זאגן יעדן טאג אכצן פרקים משניות, איז דאס א מורא׳דיגע זאך; אז א מענטש איז זוכה צו זאגן יעדן טאג ח״י פרקים משניות, מאכט דאס דעם מענטש לויטער, און עס געבט צוריק דעם מח פארן מענטש. ווייל ווען א מענטש זינדיגט אין די עקלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, ווערט אים אויסגעריסן זיין מח-מחשבה, ווייל די זרע קומט פונעם מח, און אז מען זינדיגט ווערט דער מח אויסגעטריקענט וכו׳, און אז מען זאגט אסאך פרקים משניות באקומט מען צוריק א קלארע מח.

זע אויך צו לערנען א דף גמרא יעדן טאג; ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן ריד): ״תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ״, תלמוד באטרעפט די זעלבע ווי דער נאמען פון די קליפה וואס מאכט א מענטש זינדיגן אין פגם הברית; דערפאר אז מען לערנט גמרא איז מען מכניע די קליפה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך הער אויס כסדר אייערע שיעורים, אויך ליין איך די שאלות ותשובות אויף די וועבסייט, און איך בין זיך זייער מחיה דערמיט.
~~~~~~~~~~

איך וויס נישט וואס צו טון, ווייל איך האב די לעצטע צוויי חדשים זייער אסאך חובות וואס כ'האב נישט געהאט פאר דעם, און דאס נעמט מיך ממש ארויס פון די כלים. וויפיל איך פרוביר אפצוצאלן איין חוב, קומט ארויף צוויי פרישע. יעצט קומט די ימים טובים, איך וויל פארן אויף אומאן, און אויך דארף איך קויפן א נייע סוכה, און איך האב נישט קיין פרוטה פאר די נשמה. איך בעט יעדן טאג דעם אויבערשטען מיך ארויסנעמען פון די חובות אבער דערווייל זע איך נאכנישט די ישועה.

א גרויסן יישר כח

ישראל

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת נצבים-וילך, כ״ב אלול, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ישראל נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב זייער הנאה צו הערן אז דו ביסט זיך מחיה ומחזק מיט די עצות פון הייליגן רבי׳ן; דער עיקר וואס דער רבי וויל פון אונז איז, אז מיר זאלן נישט ווערן צעפאלן ווען עס גייט נישט ווי אזוי מיר ווילן, און אפילו ווען עס גייט אריבער אויף אונז שווערע ביטערע נסיונות, זאלן מיר ווייטער דינען דעם אייבערשטן בשמחה.

דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן קיב): ״יֵשׁ עֲבֵירָה שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵירָה הַהִיא שֶׁיְּהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד״, עס איז דא עבירות וואס דאס מאכט אז דער מענטש זאל שטענדיג זיין א בעל חוב; דאס איז די עבירה פון הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, ווייל די עקעלדיגע עבירה פארשטאפט דעם מח פונעם מענטש, און עס ווארפט אריין דעם מענטש אין א קטנות המח, אז דער מענטש טראכט אז ער מוז בארגן געלט, און צום סוף בלייבט ער נעבעך א גרויסער בעל חוב.

די עצה ארויסצוקריכן פון אלע חובות איז, אז מען טוט תשובה, מען וויינט זיך אויס פארן אייבערשטן און מען בעט אים אז מען זאל ארויס קריכן דערפון. דערפאר, זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן אויף אידיש יעדן טאג, ער זאל דיר העלפן דו זאלסט האבן שפע און דו זאלסט קענען באצאלן אלע דיינע חובות. איך שרייב דיר דא א קורצע תפילה וואס דו זאלסט מתפלל זיין:

"רבונו של עולם, האב רחמנות אויף מיר, נעם מיך ארויס פון מיין קטנות און פון מיין דחקות מיט וואס איך מוטשע מיך אזוי שטארק; איך האב מיך צוגעברענגט איך זאל ארייניפאלן אין שווערע חובות דורך מיינע עבירות וואס איך טו, בפרט דורך די עבירה פון הוצאת זרע לבטלה וואס איז אזא גרויסע עבירה, עד כדי כך אז חכמינו זכרונם לברכה זאגן אז ווער עס איז מוציא זרע לבטלה איז חייב מיתה. רבונו של עולם העלף מיר, איך וויל זיך צוריק קערן צו דיר, איך וויל נישט זינדיגן, איך וויל זיין אן ערליכער איד און ארויס גיין פון מיינע חובות וכו' וכו'.

הייליגע באשעפער, עס קומט יעצט יום טוב און איך האב נישט קיין געלט, איך דארף א סוכה, און איך דארף קויפן ד' מינים און אלע צרכי יום טוב, העלף מיר אייבערשטער איך זאל האבן א שיינעם יום טוב, איך זאל קענען קויפן פאר מיין ווייב שיינע קליידער אויף יום טוב", אזוי זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן, און לייג צו דיינע אייגענע תפילות, וועסטו זען גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער וועט טון מיט דיר.

דו שרייבסט מיר אז דו בעטסט יעדן טאג דעם אייבערשטן, און דערווייל זעסטו נאך נישט קיין ישועה; וואס זאל איך דיר זאגן, בעט נאכאמאל און נאכאמאל אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות לב:): "אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנֶה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", אויב א מענטש זעט אז ער בעט דעם אייבערשטן אויף א זאך און ער האט עס נישט באקומען, זאל ער נאכאמאל בעטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהילים כז יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'"; דערפאר, אפילו דו האסט שוין אסאך מתפלל געווען אויף דעם, זאלסטו נישט אויפהערן בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל

רחמנות האבן אויף דיר, און ער זאל דיר העלפן אז דו זאלסט האבן שפע אויף יום טוב.

ר׳ נחמן טולטשינער זכר צדיק לברכה האט אויפגעשטעלט פאר זיין רבי ר׳ נתן די סוכה; א גאנצן ערב סוכות האט ער געארבעט זייער שווער אויף די סוכה, עס זאל זיין שיין און שטארק. ביינאכט ביי די סעודה האט ר׳ נחמן טולטשינער געזאגט פאר ר׳ נתן אז מען שפירט אן אנדערע טעם אין די סוכה ווען מען האט זיך געפלאגט דאס אויף צו שטעלן, האט אים ר׳ נתן געענטפערט: ״דאס האסטו נאך נישט פרובירט, צו בעטן א גאנצן טאג דעם אייבערשטן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַטְעִמֵינוּ טַעַם סוּכָּה, העלף מיר איך זאל שפירן א טעם אין די סוכה, וואסערע טעם מען שפירט דעמאלט״. דערפאר זאלסטו דאס נאכמאכן, דו זאלסט בעטן: ״רבונו של עולם, געב מיר א סוכה, איך וויל זייער שטארק זיצן אין די סוכה, אבער איך האב נישט קיין געלט וכו׳״, וועסטו זען ווי דער אייבערשטער וועט דיר העלפן, און דו וועסט האבן אן אנדערע סוכות.

געדענק אז פרנסה קומט נאר פונעם אייבערשטן; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית ב.): אָמַר ר׳ יוֹחָנָן: ״שְׁלֹשָׁה מַפְתְּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, ר׳ יוחנן זאגט, דריי שליסלען זענען נאר אין די הענט פונעם אייבערשטן, ״מַפְתֵּחַ שֶׁל גְּשָׁמִים, מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה, וּמַפְתֵּחַ שֶׁל תְּחִיַּית הַמֵּתִים״, די שליסל פון רעגן, קינדער און תחיית המתים, ״בְּמַעֲרָבָא אָמְרֵי, אַף מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה״, אין ארץ ישראל זאגט מען, אויך די שליסל פון פרנסה; זעט מען אז פרנסה קומט נאר פונעם אייבערשטן.

אויב דו ווילסט באמת באצאלן דיינע חובות, געב איך דיר אן עצה פון מוהרא״ש ז״ל: גיי נאך געלט יעדן טאג, און אזוי זאלסטו צוביסלעך באצאלן דיינע חובות; איי וועסטו זאגן, עס איז א בושה צו גיין נאך געלט, זאלסטו וויסן א בושה איז צו זיין א גנב, א בושה איז ווען מען בארגט געלט און מען באצאלט נישט, וואס אין אזא פאל ווערט מען אנגערופן (תהלים לז, כא): ״לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם״.

על פי הלכה (שולחן ערוך יורה דעה, סימן רנ), אויב מען האט נישט קיין געלט, קען מען גיין נאך געלט פאר זיך אליין, מען דארף נישט זאגן ווען מען גייט נאך געלט "איך גיי נאך געלט פאר מיר", נאר מען זאגט "איך גיי נאך געלט פאר א ארימע משפחה"; ממה נפשך, וועט יענער אליינס פארשטיין אז דו גייסט נאך געלט פאר דיר - וועט ער דיר געבן א שיינע נתינה, און אז נישט - איז דאך זיכער גוט. (פארשטייט זיך אז אין שטוב איז אויך נישט כדי צו זאגן אז מען גייט נאך געלט פאר זיך, מען זאגט איך גיי נאך געלט פאר א חבר וואס האט נישט אויף יום טוב וד"ל).

עס איז דא מענטשן וואס ווען ענדערש בארגן געלט ווי איידער צו גיין נאך געלט, ווייל זיי שעמען זיך פון מענטשן; קודם דארפסטו וויסן אז ווען דו גייסט נאך געלט ווייסט נישט יענער אז דו גייסט פאר דיר, ער טראכט אז דו נעמסט צוזאם פאר א ארימע משפחה, און צווייטנס, שעמען דארף מען זיך צו זיין א גנב. עס זענען דא מענטשן וואס בארגן געלט און זיי צאלן נישט צוריק - דאס איז א בושה, אזוי ווי עס שטייט (תהלים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם" א רשע בארגט און באצאלט נישט, דאס איז א בושה און א בזיון, אז אינגעלייט זענען שולדיג פאר א צווייטן געלט, און מען מאכט זיך נישט וואוסענדיג.

דאס האב איך מקבל געווען פון מוהרא"ש, אז מען דארף אכטונג געבן אויף יענעמס געלט, און מען דארף גיין נאך געלט אויב מען האט נישט. ברוך השם אז איך בארג נישט קיין געלט פאר מיר, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן כב): "ענדערש זאל מען זיין שולדיג פאר זיך, ווי צו זיין שולדיג פאר א צווייטן"; איך האב אויפגעבויט א ישיבה, א תלמוד תורה און א מיידל סקול וכו', וואס דאס האט מיר אפ געקאסט איבער א מיליאן דאללער, ברוך השם איך האב עס באצאלט אן קיין עשירים און אן קיין נגידים, נאר פון גיין נאך געלט און מיט די הילף פון מיינע תלמידים וואס העלפן מיר.

מוהרא"ש האט מיט אונז געלערנט עצות אין לעבן וואס אן דעם קען מען רחמנא לצלן ווערן א גנב, א רשע און וואס נישט; מיין הארץ איז פול מיט לויב צום

אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו וויסן פון מוהרא״ש, א רבי וואס געבט שכל; מוהרא״ש פלעגט זאגן: ״ווען איינער זאל עפענען א פאבריק וואו מען פארקויפט שכל, וואלט יענער געמאכט יעדע מינוט מיליאנען דאללער, נאר עס איז נישט דא קיין פאבריק פון שכל״; איך זאג דיר אז עס איז יא דא א פארבריק וואו מען טיילט שכל, נעם די ספרים פון רבי׳ן, די ספרים פון מוהרא״ש, און לערן זיי, וועסטו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן אין לעבן און נישט פארפאלן ווערן.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט האבן גרויס שפע אויף יום טוב, און דו זאלסט זוכה זיין ארויס צו גיין פון אלע דיינע חובות.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד דער חשובער ראש ישיבה שליט"א,

איך וויל זאגן א ש'כח פאר'ן ראש ישיבה, זייט איך הער די שיעורים פון די ראש ישיבה האט זיך מיר געעפענט א נייע וועלט ממש.

איך בין א יונגערמאן פון 36 יאר אלט, און איך לייד אויף צוקער און הויך קאלעסטראל. לעצטע מאל איך בין געווען ביים דאקטער האט ער מיר געשיקט פאר א טעסט, און ס'איז צוריקגעקומען אז מיין לעבער ארבעט זייער שוואך.

דער דאקטער האט מיך מציע געווען אז כדאי אויסצומיידן פון דארפן נעמען שטארקע מעדעצינען, דארף איך פארלירן אסאך פונט. אבער למעשה האב איך פרובירט שוין אפאר מאל און ס'איז נישט געגאנגען, ווייל איך האב א פארנומענע סדר היום, און איך האב אסאך סטרעס וואס געבט מיך נישט א געהעריגע וועג זיך צוצושטעלן צו א נארמאלע סדר.
~~~~~~~~~~

יעצט האט דער דאקטער מציע געווען צו מאכן א sleeve אבער איך האב זייער מורא דערפון, וואס זאל איך טון?

שמעון

## תשובה מאת הראש ישיבה:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת נצבים-וילך, כ״ב אלול, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד שמעון נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן כד): ״מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ, וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם - כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה״, עס איז א גרויסע מצוה צו זיין שטענדיג פרייליך, און זיך שטארקן מיט אלע כחות נישט צו זיין דעפרעסט. ווייל אלע מחלות און אלע קרענק קומען ווייל מען איז דעפרעסט און נישט פרייליך. און דער רבי זאגט דארט ווייטער: ״גַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה״, אפילו די דאקטורים זאגן אז אלע מחלות קומען פון דיפרעסיע און ווייל מען איז נישט פרייליך.

דערפאר בעט איך דיר זייער, שטארק דיר און זיי פרייליך; דאנק דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיט דיר, אפילו דו האסט נישט מיט וואס צו זיין פרייליך, זאלסטו זיך פרייען מיט דעם וואס דו ביסט א איד און נישט קיין גוי. דער הייליגער קדושת לוי זכותו יגן עלינו פלעגט זאגן די ברכות השחר הויך אויפן קול, איין טאג האט ער אויסגעלאזט די ברכה ״שלא עשני גוי״, איז איינער צוגעגאנגען צום הייליגן בארדיטשובער רב און געזאגט ״רבי, איר האט אויסגעלאזט א ברכה, די ברכה פון שלא עשני גוי״, האט אים דער הייליגער קדושת לוי געזאגט: ״איך האב שוין געמאכט היינט די ברכה! ווען איך בין אויפגעשטאנען אינדערפרי בין איך געווען זייער צעבראכן ביי מיר, איך האב נישט געקענט טרעפן קיין שום זאך מיט

וואס איך זאל זיך קענען מחיה ומחזק זיין, האב איך געטראכט צו מיר: 'א איד בין איך דאך, איך בין נישט קיין גוי', און פון גרויס שמחה האב איך מיך נישט געקענט איינהאלטן, האב איך גלייך געמאכט די ברכה "שלא עשני גוי", און מיט דעם האב איך מיך מחי' געווען"; זעט מען פון דעם אז אסאך מאל קומט דער יצר הרע און מאכט אז דער מענטש זאל ווערן זייער דעפרעסט, און מען קען זיך נישט מחזק זיין מיט גארנישט, דארף מען זיך פרייען מיט דעם אז א גוי בין איך נישט, איך בין א איד!

עס איז געווען א ברסלב'ער חסיד מיטן נאמען ר' אהרן קובליטשער זכרונו לברכה, ער איז געווען זייער א פרייליכער איד, און איז שטענדיג ארום געגאנגען מיט א שמייכל, אפילו ער איז געווען א עני ואביון סאיז נישט געווען וואס אריין צו נעמען אין מויל ביי אים אין שטוב; זיין ווייב פלעגט אים פרעגן: "אהרן, פארוואס ביסטו פרייליך, האסט דאך גארנישט?!" פלעגט ער ענטפערן: "דו גלייבסט אז עס וועט נאך זיין גוט אמאל? נו, איך בארג אויס שמחה פון דעמאלט אויף יעצט, יעצט טאקע האב איך נישט גארנישט, אבער עס וועט נאך זיין זייער גוט, און דעמאלט וועל איך דאך האבן מיט וואס זיך צו פרייען, בארג איך שוין אויס אביסל פון די שמחה פון דעמאלט".

איך ווייס נישט צי דו האסט זוכה געווען צו זען מוהרא"ש זכרונו לברכה. דעם שמייכל פון מוהרא"ש קען איך נישט פארגעסן; שטענדיג איז ער ארום געגאנגען מיט אזא שמייכל, אז מען האט געקענט מיינען אז עס גייט אים מורא'דיג גוט, און ער האט אלעס וכו', וואס ווער עס ווייסט איז די מצב געווען פונקט פארקערט, מוהרא"ש האט נישט געהאט קיין איין גוטן טאג אין זיין לעבן, און ער האט געהאט אויסצושטיין ביטערע יסורים מבית ומבחוץ, אזוי ווי מוהרא"ש שרייבט אין די צוואה: "לֹא הָיָה לִי יוֹם אֶחָד טוֹב בְּזֶה הָעוֹלָם - בְּלִי שׁוּם גֻּזְמָא כְּלָל, וּמַמָּשׁ בָּכִיתִי בְּכָל יוֹם וָיוֹם מֵרֹב צַעַר וְעַגְמַת נֶפֶשׁ שֶׁסְּבָבוּנִי מִבַּיִת וּמִחוּץ", איך האב נישט געהאט קיין איין גוטן טאג אין מיין לעבן אן קיין גוזמא, איך פלעג וויינען יעדן טאג מיין גאנץ לעבן פון די יסורים וואס איז אויף מיר אריבער - סיי פון אינדרויסן און סיי פון שטוב; מיט דעם אלעם האט מען דאס נישט געקענט אנזען אויף אים פון אינדרויסן, און ווען מוהרא"ש האט

געזען אן אינגערמאן אדער א בחור וואס איז נישט פריילין, פלעגט ער אים פריילין מאכן; דאס דארפן מיר נאכמאכן און דאס דארף זיין אונזער שטרעבן - צו זיין שטענדיג פריילין און ארום גיין מיט א שמייכל.

אודאי איז בעסער אז דו זאלסט אכטונג געבן וואס דו עסט, און דו זאלסט גיין אויף א שטרענגע דייעטע, אבער אויב עס גייט דיר נישט דעמאלט דארפסטו מאכן דעם סלי״וו, ווייל עס איז א סכנה וכו׳.

דער אייבערשטער זאל דיר שיקן א רפואה שלימה בתוך שאר חולי ישראל.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב גענומען אביסל צייט נאך מיין ארבעט ביי מיר אין אפיס צו ליינען אייערע בריוון, און איך בין אינגאנצן שאקירט געווארן. איך האב יעצט געליינט וואס איר זענט דורך אין אנהייב פון אייערע וועגן. איר שרייבט דארט אז איר זענט נישט מוחל פאר וכו', און איך וויין מיט מיט אייך. גלייבט מיר איך שרייב מיט טרערן אין די אויגן. איך האב איינמאל געהערט עפעס וועגן אייערע רדיפות אבער איך האב מיך נישט פארגעשטעלט ווי ווייט עס איז געגאנגען.

אגב, יעצט פארשטיי איך עפעס לכאורה. פאר א שטיק צייט בין איך געווען אין אמעריקא, ווען מיין שוואגער האט חתונה געמאכט, (איך האב דאס דערמאנט אין די אנדערע בריוו, איך ווארט נאך אויף אן ענטפער אויב מעגליך), און איר האט דעמאלט געמאכט א קידוש פאר אייער ניי געבוירענע טאכטער נ"י. דאן ביז איך ארויף אין ישיבה צום קידוש, און גלייך ווען איך בין ארויף די טרעפ פון די ישיבה האבן א טייל בחורים אונז (מיינע שוואגערס זענען אויך מיט
~~~~~~~~~~

געקומען) אנגעקוקט מיט אזא מין בליק, עס האט אויסגעזען אז מען איז אונז חושד מיט נישט גוטע כוונות (אזוי האט איינער פון משפחה דאס אויסגעטייטשט). דערנאך ווען מיר זענען אריין אין בית המדרש, האט איר אויך עפעס אזוי מאדנע אונז אנגעקוקט (עכ"פ לפי הנראה), נאר נאך וואס מיר האבן זיך פארגעשטעלט אז מיר זענען משפחה, האט איר מיט אזא רואיגקייט (שחרור) אונז מכבד געווען צו מאכן קידוש.

יעדן טאג באזונדער בלאזט אייערע דרשות אריין אין מיר א רוח חיים, "כמים קרים על נפש עיפה". זאל הקב"ה אייך געבן אסאך געזונטע לאנגע יארן להגדיל תורה לחזק לבבות נשברים, עדי נזכה לביאת משיח צדקנו בב"א.

איך האב א קליינע שאלה, פארוואס דערמאנט מען אין ברסלב די נאמען פון רבי'ן מיט זיין מאמע'ס נאמען "רבי נחמן בן פייגא", אזוי האב איך געזעהן עפעס א תפילה וואס איר געט פאר איינעם מיט מוהרא"ש נאמען אויך בן זיין מאמע.

נאך די הסתלקות זאגט נישט בן דעם טאטנ'ס נאמען?

שמואל פון אר"י

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת נצבים-וילך, כ״ג אלול, שנת תשע״ז לפרט קטן**

**לכבוד שמואל נרו יאיר**

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו וויסן פון הייליגן רבי׳ן און עפענען א ישיבה וואו מען לערנט מיט די בחורים אויפן סדר דרך הלימוד וואס דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן, און וואו מען באקט אריין אין די בחורים אמונה פשוטה, זיי זאלן לעבן מיטן אייבערשטן, אטעמען דעם אייבערשטן, און זיי זאלן וויסן אז ווען מען האט א צרה און מען דארף א ישועה איז נישט דא צו וועם צו גיין, נאר צום אייבערשטן אליין.

פארשטייט זיך אז איך האב באצאלט פאר דעם א טייערע פרייז. דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואסערע בזיונות איך בין אריבער; מען האט מיר מבזה געווען - מיר מיט מיין ווייב תחי׳, מען האט אונז גע׳רודפ׳ט עד לחרמה, נישט איין מאל האט מען געווארפן פאשקעווילן אויף מיר, אלע גאסן זענען געווען ווייס דורך די פאשקעווילן, (אגב, מוהרא״ש זכרונו לברכה האט דעמאלט געזאגט: ״פאר יעדע פאשקעוויל וועט זיין נאך א תלמיד״). ברוך השם איך האב געהאט געטרייע תלמידים וואס האבן צוזאמגענומען אלע צעטלעך.

ווען זיי האבן געזען אז מען נעמט צוזאם אלע פאשקעווילן וואס זייווארפן קעגן מיר, זענען זיי אויפגעקומען מיט א געדאנק, זיי וועלן ווארפן די פאשקעווילן עטליכע מינוט פארן זמן כניסת השבת, וואס דעמאלט האט דאך קיינער נישט קיין צייט אויפצוהייבן צעטלעך. וכך הוה, זיי האבן אויסגעווארפן צענדליגער טויזענטער כתבי פלסתר קעגן מיר, אבער מיינע תלמידים זענען ארויס אין די גאסן אויפצוהייבן אלע צעטלעך. דאס איז א זאך וואס מען זעט נישט, נאר געווענליך ווען מעןווארפט צעטלעך בלייבט עס פארשפרייט פאר אפאר וואכן וכו׳.

בקיצור, ווען זיי האבן געזען אז פאשקעווילן איז נישט קיין עצה, האבן זיי ארויס געגעבן קונטרסים אנקעגן מיר, און דאס ארום געלייגט אין אלע שולן פרייטאג נאכמיטאג אויף די טישן, כדי ווען דער עולם וועט קומען שבת אין שול וועלן זיי דאס ליינען און אזוי וועט ווערן א שטורעם; למעשה האבן זיך די בחורים שנעל דערוואוסט פון דעם, זענען זיי געגאנגען אין אלע שולן פאר שבת, און דאס צוזאם גענומען.

ווען זיי האבן געזען אז עס איז גארנישט געבליבן אין די שולן, זענען זיי אויפגעקומען מיט אזא פלאן, מען וועט דאס אנגרייטן אין שול אין א באהאלטענע פלאץ, און אינמיטן דאווענען וועט מען עס אויסטיילן.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס איך בין אריבער די פאר יאר; איך האב ממש נישט געקענט גיין אין גאס, מען האט מיר נאכגעשריגן, מען האט מיר באזינגען - קינד

און קייט, אלע קינדער פלעגן מיר נאכשרייען וכו׳; מען האט ארום געשיקט בריוו פאר אלע שכנים אין אידיש און אין ענגליש אז קיינער זאל נישט רעדן צו מיין ווייב תחי׳; מען האט געמאכט הפגנות קעגן מיר אויף אן אופן וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען, אז מענער און פרויען זאלן גיין צוזאמען שרייען אין די גאסן קעגן א מענטש; חוץ מזה, יעדן צופרי אין די צייט ווען די קינדער גייען אין חדר איז פארגעקומען הפגנות פון פרויען, מען האט אפגעווארט מיין ווייב תחי׳ און איר פארשעמט טאג נאך טאג, און קיינער האט זיך נישט אנגענומען וכו׳; מען האט ארויס געווארפן מיינע קינדער פון די מוסד וואו זיי האבן געלערנט.

איך האב אביסל מאריך געווען, ווייל דו שרייבסט מיר אז דו האסט נישט געוואוסט ווי ווייט מען האט מיר גע׳רודפ׳ט. וויסן זאלסטו אז נישט אלעס איז פאסיג צו שרייבן וכו׳, און איך האב נאך גארנישט געשריבן, (איך האב אפגעשריבן פאר מיר א ספר, וואו איך האב אריינגעשריבן וואס איך בין אלץ אריבער פון ווען איך בין מקורב געווארן צום הייליגן רבי׳ן - יעדן טאג וואס איך האב געליטן; ווער עס האט דאס געליינט האט זיך געגאסן טרערן פון זיינע אויגן, דו קענסט זיך גארנישט פארשטעלן).

דאס וואס דו פרעגסט פארוואס מען רופט דעם רבי׳ן ביים מאמע׳ס נאמען ׳בן פיגא׳, און נישט בן שמחה; דער רבי האט געוואלט מען זאל אים רופן ביים זיין מאמע׳ס נאמען, ווייל ער האט זייער מכיר טוב געווען פאר זיין מאמע אז זי האט אים אויפגעצויגן מיט יראת שמים. דער רבי׳ס טאטע איז געווען א באהאלטענער צדיק, ער איז געווען רוב צייט גלות ליידן און ער האט זיך נישט געפונען אין שטוב, נאר דעם רבינ׳ס מאמע, פיגא די צדיקת - זי האט מגדל געווען דעם רבי׳ן, ווען דער רבי איז געבוירן געווארן האט זי אנגעטון א קאפל פארן רבי׳ן, און אויך האט זי אפגעגאסן זיינע הענט; זי פלעגט אים נעמען כסדר צום קבר פון איר זיידע דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו, און דארט וויינען אז דער קינד זאל אויסוואקסן א גרויסער צדיק, דערפאר האט דער רבי געוואלט מען זאל אים רופן רבינו נחמן בן פיגא זכותו יגן עלינו.

יעדעס מאל מען איז מזכיר א נאמען פון א צדיק ברענגט מען אויף זיך ישועות, און דער רבי זאגט (ספר המדות, אות צדיק, חלק ב, סימן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִין לְהָבִיא שִׁינּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע"; דערפאר איז א גרויסע זאך אז ווען מען בעט דעם אייבערשטן אויף א ישועה, זאל מען בעטן בזכות הצדיקים שבדורינו, ובזכות הצדיקים אשר בארץ המה.

דאס וואס דו פרעגסט צי מען קען זאגן בזכות מוהרא"ש, אן מזכיר זיין דעם טאטענ'ס נאמען; וואס איז בכלל די שאלה, מען זאגט נאך פון צדיקים אז ווען מען דערמאנט נאר דעם נאמען פון די שטאט וואו דער צדיק האט געוואוינט, אדער ווי דער צדיק ליגט איז מען שוין מעורר רחמי שמים. למשל אז מען דערמאנט דעם שטאט 'בארדיטשוב' פועל'ט מען שוין א ישועה בזכות דער הייליגער קדושת לוי זכותו יגן עלינו.

באמת איז דאס א חז"ל; עס שטייט (משנה יומא ג, א) אז יעדן צופרי ווען מען האט געוואלט מקריב זיין דעם קרבן תמיד של שחר, איז מען ארויף אויבן אין בית המקדש קוקן צי עס ווערט שוין טאג, אויב האט דער ממונה געזען אז עס ווערט שוין ליכטיג, האט ער אויסגעשריגן: "הֵאִיר פְּנֵי כָּל הַמִּזְרָח, עַד שֶׁבְּחֶבְרוֹן", עס איז שוין ליכטיג ביז חברון; וואס עפעס האט ער געדארפט זאגן אויף אזא וועג אז עס איז שוין ליכטיג ביז חברון, זאג סתם אזוי עס איז שוין ליכטיג, נאר זאגט דער ברטנורא: "כְּדֵי לְהַזְכִּיר זְכוּת אָבוֹת, מַזְכִּירִין חֶבְרוֹן", דער ממונה האט געוואלט מעורר זיין די זכות פון די אבות הקדושים אברהם יצחק און יעקב, האט ער דערמאנט דעם שטאט 'חברון' וואס דארט ליגן די אבות הקדושים. זעט מען אז ווען מען זאגט נאר די שטאט וואו דער צדיק ליגט ווערט שוין ליכטיג אין אלע וועלטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד הרה"ג ר' יואל ראטה שליט"א,

א גוטן. איך האב נישט קיין ווערטער אייך צו באדאנקען אויף אייערע הערליכע רייכע שיינע שיעורים. זייט איך האב אנגעהויבן הערן די שיעורים, בין איך געווארן א צווייטע מענטש ממש.

איך וויל אביסל אויסדרוקן מיינע געפילן צו אייך, אפשר וועט איר מיך קענען העלפען. איך בין א ... חסיד, א טאטע פון צוויי קינדער. איך ווייס נישט צי איר קענט זיך אויס מיט די ... חסידות, ביי אונז דער וואס רעדט פון ברסלב, אדער עפנט ברסלבע ספרים, ווערט אינגאנצען אפגעפרעגט. פארוואס? ווייל ס'איז דא דעם רבינ'ס שמועסן, און יעדער מוז ווערן מחוזק נאר דורך דעם. איך מאך עס נישט אוועק ח"ו, וואס זאל מען אבער טון אז ס'איז נישט געמאכט פאר יעדן איינעם?

מיך גייט נישט אן וואס מענטשן זאגן וועגן מיר. אבער מיין ווייב, ווען זי הערט די ווארט ברסלב, פארט ארויף איר בלוט צום קאפ, און ס'איז זייער שווער אזוי אנצוגיין ווען ס'בלייבט נאר צווישן מיך און באשעפער.

דער אמת איז אז איך אליין האב אויך א ספק אויב די גאנצע זאך וואס איך ווער מקורב צו ברסלב איז אמת אדער נישט, אפשר איז עס נאר א וועג ווי אזוי צו אנטלויפן פון מיין חסידות. אבער מצד שני, דורך דעם האב איך אנגעהויבן דאווענען מיט מנין יעדן טאג שחרית.

איך בעט אייך, ליינט דעם בריוו אויך צווישן די שורות, און געבט מיר אפאר עצות וואס צו טון.

יישר כח פאר אלעס.

אהרן

## תשובה מאת הראש ישיבה:
~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת נצבים-וילך, כ״ג אלול, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד אהרן נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ר׳ נתן איז אמאל אריין געקומען צום רבי׳ן און געזען ווי דער רבי וויינט זייער שטארק, און דער רבי רופט זיך אן צו אים: ״אזאנס אויס צו טראכטן אויף מיר? אז איך בין פון כת ... רחמנא לצלן?״ ר׳ נתן האט נישט געקענט צוקוקן ווי דער רבי וויינט, איז ער אוועק געגאנגען.

ר׳ נתן האט שפעטער פארציילט אז ער האט נישט פארשטאנען פארוואס דער רבי וויינט, וואס גייט דיר אן וואס יענער זאגט? האט ער געזאגט אויף דיר אז דו ביסט פון כת ..., ובכן - וואס גייט עס דיר אן?! אבער שפעטער ווען דער רבי איז אוועק און ר׳ נתן האט געוואלט אריין ברענגען דעם הייליגן רבינ׳ס עצות אין די וועלט, און עס האט זיך אנגעפאנגען א שרעקליכע התנגדות, מען האט גע׳רודפ׳ט ר׳ נתן מיט שרעקליכע רדיפות, האט ר׳ נתן געזאגט: יעצט פארשטיי איך שוין פארוואס דער רבי האט אזוי געוויינט, נישט ווייל יענער האט גערעדט אויף אים, דער רבי האט געוויינט ווייל ער האט געזען אז דורך די מחלוקת, דורך די לשון הרע וואס מען רעדט אויף אים, וועלן מענטשן נישט מקורב ווערן צו אים, און עס וועט זיין זייער שווער אריין צוברענגען אין מענטשן די עצות.

לגבי וואס זאג איך דיר דאס? דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וויפיל אינגעלייט און בחורים זאגן מיר דאס וואס דו שרייבסט מיר; זיי ווילן זיין מקורב צום רבי׳ן, זיי זעען אז דער רבי ער האט א שפראך צו זיי, אזוי ווי דו שרייבסט מיר, אז פון ווען דו הערסט דעם הייליגן רבינ׳ס ווערטער ביסטו געווארן אן אנדערע מענטש, דו גייסט אין שול דאווענען וכו׳ וכו׳, אבער זיי ווייגען אז זיי האבן מניעות - איינער פון די ווייב, א צווייטער פון די עלטערן וכו׳, דאס אלעס קומט פון לשון הרע און הוצאת שם רע וואס דאס האט גורם געווען אז מענטשן מיינען אז ברסלב איז א פלאץ פון משוגעים, א פלאץ פון הולטייעס חס ושלום, און ווער וויל אז זיין קינד זאל זיך דרייען

אויף אזא פלאץ; דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כַּךְ כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אויף מיר קריגט מען נישט, זיי קריגן אויף איינעם וואס טוט דאס וואס זיי זאגן אז איך טו, און אויף אזא איינעם דארף מען קריגן.

דער רבי האט דערציילט (סיפורי מעשיות, מעשה ז' - מזבוב ועכביש) אז פאר זיין נשמה איז אראפ געקומען אויף דער וועלט האט דער ס"מ געשריגן צום בית דין של מעלה: "אויב די נשמה קומט אראפ אויף דער וועלט, פארוואס האט מען מיך באשאפן?" האט מען אים געענטפערט: "די נשמה מוז אראפקומען אויף דער וועלט, גיי זוך דיר אן עצה", איז ער אוועק געגאנגען און ער איז צוריק געקומען מיט אן אלטיטשקער אן איינגעבויגענער, זיי האבן געלאכט און געזאגט אז זיי האבן שוין אן עצה, און די נשמה קען שוין אראפ קומען אויף דער וועלט.

וואס איז די עצה פונעם ס"מ? ער לאכט פון רבי'ן; ווען דער רבי איז צוריק געקומען פון ארץ ישראל האט ער געזאגט אז ער האט געברענגט א מתנה פאר זיינע תלמידים: "מחלוקת" - מען וועט קריגן אויף אים, און אזוי איז טאקע געווען, עס האט זיך דעמאלט אנגעהויבן א מחלוקת אויפן רבי'ן וואס האלט נאך אן ביזן היינטיגן טאג; מען זעט אן אינטערעסאנטע זאך, א בחור'ל אדער א אינגערמאן זאל גיין צו וואסערע רבי'לע עס זאל נאר זיין, וועט מען אים ארויף קוקן, און מען וועט זיך טשאטשקען מיט אים, אבער אזוי ווי מען ווערט געוואויר אז א בחור אדער א אינגערמאן איז אנגעקומען קיין ברסלב, ווערט גלייך א פייער; די גאנצע משפחה הייבט אן קריגן אויף אים, און מען קוקט אים אראפ וכו'; ווער רעדט נאך אז מען ווערט געוואויר אז ער דרייט זיך אין "היכל הקודש" דעמאלט איז שוין ממש עק וועלט; מען ווארפט אים ארויס פון ישיבה, און אויב איז ער א אינגערמאן נעמט מען זיך איבער זיינע ביינער, מען העצט אויף די ווייב וכו' וכו'.

איך וואלט דיר ג'עצה'ט אז דו זאלסט זיך נישט קריגן מיט קיינעם, האלט דיך וויטער ביי דיין רבי, און מאך נישט קיין מחלוקת, עס לוינט נישט צו מאכן א פייער

וואס וועט צוברענגען אז די גאנצע משפחה זאל זיך נעמען אויף דיינע ביינער. מען קען זיין מקושר צום הייליגן רבי'ן אן דעם וואס מען לעבלט זיך אפ אלץ ברסלב'ער, נעם דעם רבינ'ס עצות - הייב אן לערנען אויפן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן (שיחות הר"ן, סימן עו); מאך דיר א שיעור צו לערנען יעדן טאג מקרא - שנים מקרא ואחד תרגום, זונטאג זאלסטו זאגן שנים מקרא ואחד תרגום ביז שני, מאנטאג זאלסטו ווייטער גיין מיט די פרשה ביז שלישי, און אזוי ווייטער, אזוי אז ווען עס וועט קומען סוף וואך, וועסטו האבן געענדיגט די גאנצע פרשה שנים מקרא ואחד תרגום. נאכדעם מאך זיך א שיעור אין משניות - הייב אן פון אנהייב מסכת ברכות, יעדן טאג זאלסטו לערנען א פאר פרקים, ביז דו וועסט מסיים זיין סדר זרעים, נאכדעם זאלסטו גיין צו סדר מועד. אזוי אויך זאלסטו זיך מאכן א שיעור אין גמרא; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט, פאלג דעם רבי'ן און קוק נישט אויף קיינעם, זאג ווייטער די ווערטער פון די הייליגע תורה, ווייל די ווערטער פון די תורה רייניגט דעם מענטש.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עבודה זרה יט.): "אָמַר רָבָא, לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ, וְאַף עַל גַּב דְּמִשְׁתַּכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלֹא יָדַע מַאי קָאָמַר, שֶׁנֶּאֱמַר (תהלים קיט, כ): "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה", א מענטש זאל לערנען די הייליגע תורה אפילו ער פארגעסט וואס ער לערנט, און אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט. נאך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (שבת סג.): "לִיגְמַר אִינִישׁ, וַהֲדַר לִיסְבַּר", קודם דארף מען אסאך זאגן די ווערטער, און נאכדעם קומט מען צו פארשטיין.

זע זיך אויסצורעדן דיין הארץ צום אייבערשטן אויף די שפראך וואס דו ביסט צוגעוואוינט צו רעדן; אז דיין שפראך איז אידיש, זאלסטו רעדן צום באשעפער אויף אידיש, אז דיין שפראך איז ענגליש, זאלסטו רעדן צום באשעפער אויף ענגליש. זאלסט אים אלעס דערציילן סיי וואס דו ביסט אריבער, און סיי זאכן וואס דו ווארסט צו געהאלפן ווערן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

⬩⬩⬩

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~